STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08609

POEZYE

Adam Mickiewicz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אדאם מיצקעוויטש

פּאָעזיע

איבערגעזעצט פון ל. אָליצקי

לכבוד דעם מיצקעוויטש־יאָר

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1955

Redaktor: D. SFARD

רעדאקטאָר: ד. ספארד

הילע געצייכנט: י. רייזמאן

Okładkę projektował: I. REJZMAN

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5008. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w październiku 1955 r. Ark. druk. 4,5.
Ark. wydawn. 2,5. Pap. rotogr. 70 x 100 III kl. 100 g.
Druk RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-51986

אַדאַם מיצקעוויטש

(לויט אַן אַלטער צייכענונג פון לעאָפּאָלד האָראָוויץ)

אַלעקסאַנדער פּושקין

מיצקעוויטש

ער האָט געלעבט צעווישן אונדז —
אַ פֿאָלק אַ פרעמדס אים; ס'האָט אין זיין נשמה
קיין בייזקייט קעגן אונדז זיך נישט געפֿונען;
מיר האָבן אים געליבט. אַ פרידלעך־שטילער,
אויף אונדזערע מסיבות פלעגט ער קומען.
מיר פלעגן טיילן זיך מיט קלאָרע טרוימען,
און אויך מיט לידער (ער, באַשענקט פון הימל
מיט גייסט, געקוקט האָט אויף דער וועלט פון הייכן).
האָט אָפט גערעדט פון קומענדיקע צייטן,
ווען פעלקער וועלן אויפהערן זיך קריגן,
און זיך פאַראייניקן אין איין משפחה.
מיר פלעגן האָרכן דעם פּאָעט פאַרכאַפּטע.
ער איז אַוועק אויף מערב — און מיט בענטשונג
מיר האָבן אים באַגלייט. נאָר איצט געוואָרן
איז אונדז דער גאַסט דער פרידלעכער אַ שונא,
און זינגט היינט אין די פערזן זיינע שנאה,
צום נחת פון דעם פעבל; פונדערווייטנס
דערגרייכט צו אונדז די שטימע די באַקאַנטע
פון דעם דערצערנטן פּאָעט... אָ, הימל!
שענק פרידן זיין פאַרביטערטע נשמה!

10 אויגוסט 1834 ספב.

צו די פֿריינד מאָסקאַלן

צי דערמאָנט איר מיר! איך, ווען איך טראַכט וועגן שונאים,
וועגן אומקום פֿון פֿריינד אין פֿאַרשיקונג און תּפֿיסות,
טראַכט איך אויך וועגן אייך: אייער פֿרעמדלענדיש פּנים,
ווי אַ ביזגער מיט רעכט, אין מיין האַרץ איך באַגריס עס.

ס'איז רילייעוו* מיין ברודער (ווי גרויס די נבֿלה!)
צו דעם שאַנד־בוים געבונדן, זיין ערע — צעטרעטן
אויפֿן אורטייל פֿון צאַר; אויף די פֿעלקער אַ קללה,
וואָס דערמאָרדן די אייגענע זייער־פּאָעטן!

יענע האַנט, וואָס בעסטוזשעוו, דער זעלנער און דיכטער,
פֿלעגט מיר שטרעקן, וואָס וואָפֿן און פֿען האָט געכאָוועט,
שלעפּט היינט טאַטשקעס (דער צאַר איז געווען דער ריכטער),
גראָבט אין מינעס, לעם פּוילישע ברידער געקאָוועט.

סע קאָן זיין, אַז באַשטראָפֿט איז נאָך עמעצער ערגער:
ס'איז אַן אַמט צי אַן אָרדן געווען זיין נסיון,
האָט פֿאַרקויפֿט די נשמה דעם צאַר ער, דעם ווערגער,
פֿאַר זיין שוועל פֿאַלט ער כורעים אָן שאַנד און בזיון.

זיין טריומף אפֿשר רימט ער מיט צונג מיט פֿאַרקויפֿטער,
מיט דער פֿיין פֿון די פֿריינד די מאַרטירער ער קוילט זיך,
סע קאָן זיין, אַז מיין בלוט אין מיין פֿאָטערלאַנד זויפֿט ער,
פֿאַרן צאַר מיט די קללות אַ שטאָלצער ער פּילט זיך.

אויב עס וועלן צו אייך אַזש פֿון צפֿון דערגרייכן,
פֿון די פֿעלקער באַפֿרייטע, די וויפֿולע לידער,
זאָל פֿון פֿרייהייט דאָס זיין אייך אַ בשׂורה פֿון הייכן,
ווי דער אָנזאָג פֿון בושלעס: דער פֿרילינג קומט ווידער!

איר דערקענט דאָך מיין שטימע; איך פלעג, אַ געשמידטער,
קריכן שטיל, ווי אַ שלאַנג, דעם דעספּאָט נישט צו וועקן,
נאָר פֿאַר אייך פלעגט מיין האַרץ זיך אַנטבלויזן אָן ציטער
און מיט טויבישער פּשטות געפֿילן אַנטפּלעקן.

אויף דער וועלט גיס איך אויס איצט דעם גיפֿט־כּוס דעם שווערן,
עס טוט גליאיקע פּיין יעדעס וואָרט מיינס באַגלייטן,
אַט די פּיין פֿון מיין פֿאָטערלאַנדס בלוטן און טרערן
זאָל צעפֿרעסן, פֿאַרברענען, נישט אייך, נאָר די קייטן.

אײב עמעץ פֿון אייך וועט אויף מיר זיך פֿאַרקלאָגן,
וועט עס זיין אַ געביל פֿון אַ הונט אַ בעל־כּעסן,
וואָס געדולדיק געוווינט שוין דעם מוילשלאָס צו טראָגן,
אויך די האַנט, וועלכע רייסט אים — איז גרייט ער צו בייסן.

ל י ב ע - ל י ד ע ר

צו מ***

אַוועק פֿון די אויגן!... דערפֿילט וועט עס ווערן,
אַוועק פֿון מיין האַרצן!... ביים האַרץ וועסט עס פֿילן,
אַוועק פֿון זכרון!... ער וועט דיר נישט הערן,
נישט מיינער, נישט דיינער וועט גאָרנישט פֿאַרהוילן.

אַ שאָטן ווערט לענגער, וואָס ווייטער ער האַלט זיך,
וואָס ווייטער, זיין טרויער־קרייז שפּרייט זיך אַלץ מערער;
וואָס מער עס דערווייטערט פֿון דיר מיין געשטאַלט זיך,
פֿאַרהילט זי מיט קרעפּ דיין זכרון אַלץ שווערער.

ווו ערגעץ מיר האָבן געווילט זיך, געפֿרייט זיך,
ווו ערגעץ מיר פּלעגן אין טרערן זיך ליבן,
לעם דיר וועל איך זיין, ווי נישט קיינמאָל צעשיידט זיך,
ווייל ס'איז מיין נשמה אַ טייל דאָרט פֿאַרבליבן.

אין איינזאַמען צימער דו וועסט אַ פֿאַרקלערטע
באַרירן די האַרפֿע, ווי נישט מיט דיין ווילן,
און גלייך זיך דערמאָנען: אַ, רגעס באַגערטע,
כ'פּלעג איצט טאַקע זינגען דאָס ליד אים און שפּילן!

שפּילסט שאָך, און נאָך עטלעכע געניג שוין פֿאַרשטייען
די פּאַרטנערס, דיין קעניג וועט ווערן געפֿאַנגען, —
דערמאָנסט זיך אַ שאָך מיט די זעלביקע רייען:
מיר זענען נאָך אים זיך אויף אייביק צעגאַנגען.

דו זיצסט אויף אַ באַל, ווען עס וואַרטן די דאַמען,
ס'זאָל רופֿן דער מוזיקער באַלד פֿון די ערטער,
און קוקסט אויף די ליידיקע שטולן ביים קאַמין:
אויף דער איז געזעסן לעם מיר מיין באַגערטער.

דו לייענסט אַ בוך, ווי אַ פּאָרל געליבטע
ביי טרוימען צעשטערטע איז זיצן געבליבן,
און לייגסט עס אַוועק מיט אַ זיפץ, אַ באַטריבטע:
ס'איז אונדזער געשיכטע אין דעם דאָך באַשריבן...

און איב ס'האָט דער שרייבער נאָך פּרוּווּנג און מאַטער
דאָס פּאָרל געליבטע פֿאַראייניקט אויף שטענדיק,
פֿאַרלעשטו דאָס ליכט און פֿאַרטראַכסט זיך אין פֿלאַטער:
פֿאַרוואָס האָט ביי אונדז נישט אַזוי זיך פֿאַרענדיקט?...

דערווייל טוט אַ נאַכטבליץ אַ בלינצל פֿון אויבן,
ס'צערוישט זיך אַ באַרנבוים טריקן אין גאָרטן,
אַ סאָווע מיט קרעכץ טוט אַ קלאַפּ אין די שויבן...
כאַפּסט דו זיך אַ טראַכט, אַז מיין זעל איז עס דאָרטן.

אַזוי, ווי מיר האָבן געוויילט זיך, געפֿרייט זיך,
ווי ערגעץ מיר פֿלעגן אין טרערן זיך ליבן,
לעם דיר וועל איך זיין, ווי נישט קיינמאָל צעשיידט זיך,
ווייל ס'איז מיין נשמהס אַ טייל דאָרט פֿאַרבליבן.

.1822

אומזיכערקייט

ווען כ׳זע דיך נישט — איך זיפץ נישט און איך טרער נישט,
און ווען כ׳דערזע דיך, דול־צעחושט איך ווער נישט;
נאָר גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט, דערפיל איך —
עס פעלט מיר עפּעס, וועמען זעען וויל איך,
און, בענקענדיק, כ׳פרעג זיך אַליין דעריבער:
צי איז דאָס פריינדשאַפט בלויז? צי איז דאָס ליבע?

פאַרשווינדסטו פון מיין בליק, איז אויך — פון זינען,
איך קאָן דיין בילד אין אים נישט אָפּגעפינען;
דאָך טיילמאָל פיל איך, אָן דער הילף פון ווילן,
מ׳טוט תמיד זיך אַרום זכרון הילן;
און ווידער טו איך זיך אַ פרעג דעריבער:
צי איז דאָס פריינדשאַפט בלויז? צי איז דאָס ליבע?

כ׳האָב קיינמאָל נישט געטראַכט אין מיינע ליידן,
פאַר דיר פון הארצן זיך אַראָפּצורייד;
נאָר מ׳טרעפט זיך, אָן אַ ציל ווו גיי איך,
און — פאַר דיין שוועל, אַליין פאַרחידושט, שטיי איך;
איך גיי אַריין און פרעג זיך שטיל דעריבער:
צי איז דאָס פריינדשאַפט בלויז? צי איז דאָס ליבע?

פאַר דיין געזונט איך וואָלט דאָס לעבן שטרעקן,
כ׳וואָלט פאַר דיין רו פאַר גיהנום זיך נישט שרעקן;
כאָטש אומדרייסט איז אין הארצן מיין באַגערן,
פאַר דיר געזונט און רו כ׳וואָלט קאָנען ווערן.
און ווידער טו איך זיך אַ פרעג דעריבער:
צי איז דאָס פריינדשאַפט בלויז? צי איז דאָס ליבע?

װען ס׳גלעט דײַן האַנט מײַן דלאָניע און פֿאַרשפּילט מיר,
אַ מילדע רואיקײט אַזאַ פֿאַרהילט מיר,
און ס׳דאַכט זיך אױס: איך שטאַרב — כ׳װער לײַכט אַנטשלאָפֿן.
נאָר שנעלער קלאַפּט דאָס האַרץ, װי ס׳װאָלט געלאָפֿן,
און אױף אַ קול עס פֿרעגט מיר איבער:
צי איז דאָס פֿרײַנדשאַפֿט בלױז? צי איז דאָס ליבע?

װען כ׳האָב פֿאַר דיר געװעבט דאָס ליד, געמײַסטערט,
האָט מײַן געמיט דער הימל נישט באַגײַסטערט;
אַ װוּנדער, װי מײַן רעיון איז געלאָפֿן,
האָט אומבאַמערקט די גראַמען אָנגעטראָפֿן,
און כ׳האָב לסוף געפֿרעגט זיך און פֿאַרשריבן:
איז װאָס האָט מיך באַגײַסטערט? פֿרײַנדשאַפֿט? ליבע?

.1825

צו ***

אויף די אַלפּן אין שפּליגען

דעם 24טן סעפּטעמבער, 1829.

כ׳וועל קיינמאָל נישט קאָנען מיט דיר זיך צעשיידן, אומגליקלעכע!
שווימסט נאָך מיר אין ים, גייסט מיר נאָך אויף די וועגן טאָג־טעגלעך,
אויף אייזפעלזער זע איך די טריט־שפּורן דיינע צעגלאַנצטע,
איך הער אין די אַלפּן דיין שטים דורך קאַסקאַדן צעטאַנצטע,
כ׳ע נאָדלען זיך אָן מיינע האָר, ווען איך וויל דיך דערבליקן,
מיך שרעקט דיין געשטאַלט, און איך גאַר — זיך דערמיט צו אַנטציקן.

אומדאַנקבאַרע! כ׳וואַנדער אַרום דאָ אויף בערגיקע הייכן,
אויף בערג, וואָס פאַרשווינדן אין כמאַרעס, וואָס תהומען דערגרייכן,
פאַרמאַטערט פון אייביקן אייז, וואָס דאָ ליגט אומבאַוועגן,
פאַרהאַלט איך מיין טראָט און דאָס וואַסער וויש אָפּ פון די אויגן,
און זוך דורכן נעפּל אין הימל אויף צפון דעם שטערן,
כ׳זוך ליטע, דיין הייזל, דיך זעלבסט מיט אַ גייסטיק באַגערן; —
גראָד איצטער, קאָן זיין, אויף אַ באַל אַלס די באַל־מלכה גלאַנצסטו,
פירסט אָן מיט די טעניץ־קאַראַהאָדן אַ פריילעך צעטאַנצטע,
צי שפּילסט זיך אין ליבעלעך נייע, צי גאָר מיט געלעכטער
פון אונדזערע ליבעלעך רעדסטו, ווי נישט פון קיין עכטע!
צי טוסטו, אומדאַנקבאַרע, איצטער זיך גליקלעכער שפירן,
ווייל קאַרקעס געבויגן דיך שקלאַפיש מאַדאַם טיטולירן?
ווייל ווילטאָג אַנטשלעפט דיך, און פריילעכקייט וועקט דיך אויף מאָרגן,
און קיין שום דערינערונג פילט דיך נישט אָן מיט קיין זאָרגן?
צי גליקלעכער וואָלסטו געווען, ווען וואָלסט טיילן, מיין ליבע,
דעם גורל מיט מיר, דעם פאַריאָגטן, וואָס טריי איז געבליבן?
אַך! כ׳וואָלט פאַר דער האַנט דיך געפירט דאָ די פעלדזן באַווייזן,
מיט לידלעך פאַרזיסט דיר די מי און דעם מאַטער פון רייזן,

דער ערשטער איך וואָלט זיך געוואָרפֿן אין שטראָמען, וואָס ברומען,
איך זאָל פֿאַר דיין פּיסל די נייטיקע שטיינער באַקומען,
דאָס וואַסער די הויט פֿון דיין פּיסל זאָל גאָרנישט באַרירן,
און כ׳וואָלט דיינע הענטלעך מיט קושן דערוואַרעמט — נישט פֿרירן!
דער אָפּרו אין כאַטע גוראַלישער וואָלט אונדז דערוואַרטן;
איך וואָלט מיט מיין מאַנטל פֿאַרהילט דאָרט דיין קערפּער דעם צאַרטן,
און דו וואָלסט אַן ערטל לעם פֿאַסטעכשן שייטער זיך מאַכן
און איינדרימלען מילד אויף מיין אַקסל, אויף אים אויך דערוואַכן.

ק ר י מ ע ר   ס אָ נ ע ט ן

ווער דעם דיכטער וויל פאַרשטיין,
מוז אין דיכטערס היימלאַנד גיין.

געטהע

די חברים פון דער קרימער רייזע.

דער אויטאָר

I

אַקערמאַנער סטעפּעס*

איך שווים אַריין אין רחבות פון אַ באָדן־אָקעאַן,
אין גרינגעוויקס דער וואָגן טוקט זיך אונטער, ווי אַ שיפל,
אין כוואַליע־רויש פון לאָנקעס, צווישן בלומען וויפל־וויפל,
און ס׳ציען פאַר מיין אויג קאָראַלן־אינדזלען פון בוריאַן*.

ס׳פאַלט צו דער אָוונט שוין, איך זע קיין וועג נישט, קיין קורהאַן;
איך קוק אין הימל, זוך דעם שיפלס פירער דאָרט, די שטערן;
אַ וואָלקן שימערירט פונוויטן — ס׳גייט דאָרט אויף ווענערע;
דער דניעסטער בלאַנקט, ס׳גייט אויף ס׳לאַמטערן־ליכט פון אַקערמאַן*.

בלייבט שטיין! — ווי שטיל דאָ איז! — איך הער אַ מחנה בושלען פליען
גאָר הויך, וווּ ס׳וואָלט זיי נישט דערגרייכט דעם פאַלקס פאַרשאַרפטער בליק;
איך הער — אַ שמעטערלינג זיך איבער גראָז ערגעץ וויגט,

איך הער, אַ שלאַנג זיך גליטשיק מיט דער ברוסט דורך גרעזלעך ציען.
אַזאַ מין שטילקייט — אָנגעשטרענגט דעם אויער, כ׳וואָלט דערהערט
אַ שטים פון ליטע. — ניין, עס רופט נישט קיינער, רירט זיך, פערד!

II

ים-שטילקייט

אויף דער הייך פון טאַרקאַנקוט*

די סטענגע פונעם פאַווילאָן* באַרירט קוים-קוים דער ווינט,
די ברוסט פון איפגעהעלטן וואַסער אָטעמט שטיל און רעגט זיך;
אַזוי אַ יונגע כלה פון חלומות זיסע וועקט זיך,
אַ זיפץ צו טאָן און ווידער איינצושלאָפן לינד.

די זעגלען, ענלעכע צו פאָנען נאָכן סוף פון שלאַכט,
שטיל דרימלען אויף די מאַסטן נאַקעטע; די שיף זיך שאָקלט
לייכט-לייכט, ווי ס׳וואָלט אַ קייט געהאַלטן זי געשמידט-פאַרהאָקלט;
ס׳רוט אָפּ זיך דער מאַטראָס, דער עולם רייזנדער — צעלאַכט.

אָ, ים! צעווישן דיינע ברואים פרייליכע אין דרימל
ליגט די מעדוזע אויפן גרונט, ווען ס׳כמאַרעט זיך דער הימל;
זי שלענגלט מיט די לאַנגע אָרעמס בעת דיין שטילקייט בלויז.

געדאַנק! די הידרע פון זכרונות אין דיין טיפן שוים
שלאָפט איין אין גורלדיקער צייט, ווען שטאַרקע שטורעמס קנאַלן,
נאָר ווען דאָס האַרץ איז רואיק — לאָזט אַריין דערין די קראַלן.

III

ים-רייזע

ס'וערט רעשיקער, געדיכטער לויפן אויפן ים די גרוילן.
ארויפגעלאָפן אויף א לייטער א מאַטראָס: זייט גרייט!
זיך אויסגעשטרעקט, און הענגט דאָרט אין אַ נעץ, וואָס איז פאַרהוילן*,
ווי ס'טשאַטעוועט פאַרשטאַרט אַ שפין אין נעץ פאַרשטעקטערהייט.

אַ ווינט! — אַ ווינט! — די שיף קאַפּריזעט, רייסט זיך פון די צוימען,
זי בייגט זיך איין, זי נורקעוועט אין שוימיקן צעברויז,
פאַרדרייסט דעם קאַרק, צעטרעטענדיק די כוואַליעס פליט אין רוימען,
צעשלאָגט די כמאַרעס מיטן שטערן, כאַפּט דעם ווינט אין שויס.

אין שטורעם-ברויז צעוויגט זיך, ווי דער מאַסטבוים, אויך מיין גייסט,
מיין המיון, ווי די זעגלען, בלאָזט זיך אָן און רייסט זיך, רייסט,
און כ'גיב אויך מיין געשריי דעם פריילעכן קאָרטעזש* צושטייער;

כ'שטרעק אויס די הענט, איך פאַל און האַלדז די שיף מיט ברויז אין בלוט,
מיר דאַכט זיך, אַז מיין ברוסט גיט אימפּעט איר: איך פיל זיך גוט!
און פריש! און לייכט! איך ווייס, וואָס הייסט אַ פויגל זיין אַ פרייער.

IV

שטורעם

די זעגלען שוין צעפליקטע, שוין דעם רודער אָנגעווירן,
דעם עולמס פּחדים־קולות, קרעכץ פון פּאָמפּעס, וואָי פון ווינט.
ער האָבן די מאַטראָסן שוין די לעצטע שטריק פאַרלוירן,
די שקיעה בלוטיקט, אָן א רעשט די האָפענונג פאַרשווינדט.

דער וויכער וואָיעט מיט טריומף, און אויף די שטאָקן טיף,
וואָס פונעם תהום מיט וואַסער־בערגער הייבן זיך ארויס,
טרעט אויף דער גענוי — טויט און לאָזט זיך שפּאַנען צו דער שיף,
ווי א סאָלדאַט, וואָס שטורמען גייט אן איינגעבראָכן הויז.

ווער ס׳ליגט פאַרחלשט טויט, און ווער ס׳פאַרברעכט די הענט פאַרשמאַכט,
ווער ס׳האַלדזט ארום זיך מיט א פריינד און זיך מיט אים געזעגנט,
און ווער דעם טויט מיט א געבעט „מייד אוים מיך, טויט״ באַגעגנט.

בלויז איינער זיצט א שווייגנדיקער אין א זייט און טראַכט:
אז ווייל צו דעם, וואָס ליגט פאַרשמאַכט, צו דעם, וואָס תפילה טוט,
צו דעם, וואָס האָט מיט וועמען זיך געזעגנען — זיי איז גוט.

V

בערג-אויסבליק פון קאָזלאָווער סטעפּעס*

אַ פּילִיגרים און אַ מירזאַ*

דער פּילִיגרים

צי ד אָ ר ט האָט פון אַן אייז-ים אויפגעשטעלט א וואנט א ל א ה?
צי פון א גליווער-כמאַרע א מלאָכים-טראָן געטורעמט?
צי פון אַ פערטל ערדקויל האָבן דיווס* עס געטורעמט
פאַר מזרחדיקע שטערן-קאַראַוואַנען א פאַרשפּאַר?

אָ, סאַראַ שרפה דאָרטן אויפן שפּיץ! עס ברענט צאַרגראַד*!
צי ווען ס'האָט נאַכט פאַרשפּרייט איר טונקל-גרוילעכן כילאַט*,
אין קאָסמאָס אויפגעהאָנגען האָט אַלאַה פאַר וועלטן-שטערן,
וואָס אויפן ים פון דער נאַטור זיך שיפן, ד ע ם לאַמטערן?

דער מירזאַ

כ'בין דאָרט געווען; דאָרט וויינט דער ווינטער, ס'טרינקען פון זיין קוואל
די שטראָמען-שנאָבלען, טייכן-העלדזער; שניי איז מיט מיין אָטעם
געפלויגן פון מיין מויל; איך האָב אויף וועגן דאָרט געטראָטן,

פאַר אָדלערס אומבאַקענט, ווו כמאַרעס בלייבן שטיין, ווו קנאַל
פון דונער שלאָפט אין וואָלקן־וויג און לאָזט פון זיך נישט הערן,
ווו איבער מיין טורבאַן געווען איז בלויז א שטערן.
ס'איז טשאַטירדאַה*!

דער פּילִיגרים

אהא!

VI

באַקטשיסאַראַי *

נאָך גרויס, נאָר פוסט איז שוין דער הויף פון די גירייען.
אין ליבע־ווינקעלעך, אויף סאָפעס, טראָגען שוין אָן גלאַנץ,
וואָס ס'האָבן די פּאַשאַס פארוויסט מיט שטאָלצער אראַגאַנץ,
עם שפרינגען היישעריקן, שלאַנגען דאָרט זיך דרייען.

דורך פענצטער בונט־געפארבטע קריכן קלעטער־פלאַנצן
אויף טויבע ווענט און וועלבונגען, און ס'ווערט אָן זין
דורך דער נאַטור פארכאַפּט דעם מענטשנס מי איינגאַנצן;
זיי שרייבן מיט בלשאצר־אותיות דאָס וואָרט „רוּאין"*.

אין מיטן פון א זאל נאָך שטייט דער מירמלנער פאָנטאַן
פון דעם האַרעם און, טריפנדיק מיט פערל־טרערן,
זיין שטימע לאָזט ער הערן מדבּרס וויסטקייט הערן:

ווו זענט איר — סארא חרפּה! — ליבע, מאַכט און רום פּאַראַן?
איר שטרעבט צו אייביקייט, און קוואלן אייליק פליסן,
זענט א י ר פארשוווּנדן, און דער קוואַל איז צום געניסן.

VII

באַקטשיסאַראַי בײַנאַכט

פֿון די דזשאַמידן* שוין צעגייען זיך די שטאָטלײַט פֿרומע,
דער ווידערקלאַנג פֿון דעם איזאַן אין אָונט שטיל זינקט אײַן,
פֿאַרשעמט זיך פֿאַרבט מיט רובין-רויטס די דעמערונג די שטומע,
צו איר געליבטן די לבֿנה גייט אין זילבער-שײַן.

עס בליאַסקען קאַנײַעצלעך פֿון שטערן אין האַרעם פֿון הימל,
אַ וואָלקן שווימט צעווישן זיי אין סאַפּיר-בלויען רוים,
ווי אויף אַן אָזיערע אַ שוואַן פֿאַרזונקען לײַכט אין דרימל:
ער האָט אַ ווײַסע ברוסט און ס׳איז געפֿאַרבט מיט גאָלד איר זוים.

דאָ פֿאַלט אַ שאָטן פֿון אַ מינאַרע, אַ קיפּאַריס,
דאָרט ווײַטער טונקלט זיך אַ קרייז גראַנאַט-דריזן שוואַרץ,
ווי טײַוול, וועלכע זיצן אין דיוואַן* לעם עבלים פּיס*

אין פֿינצטערניש-געצעלט; עס טרעפֿט — אין זייער שפּיצן-שמאַרץ
זיך וועקט אַ בליץ און מיטן אומפֿעט פֿון פֿאַריבן* פֿליט
דורך די מדבריות שווײַגיקע פֿון הימלישן בלאָנקיט.

VIII

פאָטאָצקאָס קבר *

דו האָסט אין לאַנד פון פרילינג, צווישן סעדער פולע שיין,
פאַרוועלקט, אָ, יונגע רויז! די רגעס האָבן זיך געטראָגן,
ווי פלאַטערלעך פון גאָלד, אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין
און אין דיין האַרץ געלאָזט זכרונות־ווערעם, עס צו נאָגן.

אויף צפון דאָרט צו פוילן לויכטן גאַנצע מחנות שטערן,
וואָס בלישטשען זיי אַזויפיל אויפן וועג אהין געווענדט?
צי האָבן דיינע אויגן פאַרן אויסגעלאָשן ווערן
מיט פייער־בליקן שפורן העלע דאָרטן אויסגעברענט?

אָ, פאָלקע! כ׳זע אין טרויער אויך דעם סוף פון עלנט מיינעם;
זאָל דאָ א האַנט א פריינדלעכע באַדעקן מיך מיט ערד.
עס שמועסן דאָ אָפטער רייזנדער ביים קבר דיינעם,

וועט דאַן אויך מיר צו הערן מאַמע־לשון זיין באַשערט:
א דיכטער, וועגן דיר פאַרטראַכטנדיק אין עלנט ליד,
וועט אויך פאַר מיר אין צווייטן קבר זינגען אין געמיט.

IX

די קברים פון האַרעם *

א מירזא צו א פּיליגרים

אַהער האָט מען פון ליבע־וויינגערטנער געבראַכט נישט־רייפע טרויבן
צום טיש אַלאַהס; די מזרח־פערעלעך, פון ים פון גליק און פרייד —
די טרונע, פון דער אייביקייט דער מושל, יונגערהייט פלעגט רויבן
און זיי פאַרשליסן אין די פינצטערנישן פון איר שטומער שייד.

עס האָט פאַרבאָרגן זיי דער פאַרהאַנג פון פאַרגעסונג און פון צייטן;
אינמיטן גאָרטן שימערט איבער זיי אַ שטיין־טורבאַן צו וויטן*,
ווי א בונטשוק* פון שאָטנס־מיליטער, און בלויז פונאַנדן קען מען
קוים־קוים דערזעען, אויסגעקריצט דורך גיאַורן־דלאָניעס, נעמען*.

אָ, איר גן־עדן־רויזן! ביי דעם זייבער־קוואַל האָט אייער מאָרגן*
אויפסניי צעבליט זיך דופּטיק, הינטער צניעות־בלעטער שטיל־פאַרבאָרגן,
עס זאָל א בליק, פון א נישט־גלויביקן אויף אייער לייב נישט פאַלן.

אצינדער פלעקט דעם קבר אייערן א פרעמדנס אויג, — פאַרפאַלן,
אָ, זיי מיר מוחל, גרויסער נביא! איך דערלויב עס אים, און גערן:
ער איינער פון די פרעמדלענדער האָט ערשט א קוק געטאָן מיט טרערן.

X

באַידאַרע *

איך טרייב דאָס פערד און קאַרג דעם נישט קיין שמיץ; סע פליט ווי ווינט,
און וועלדער, טאָלן נאָכאַנאַנד און אין געדראַנג אַנטלויפן
פאַרביי די פיס, ווי כוואַליעס פון א שטראָם; איך וויל אַצינד
עס זאָל די בילדער־ווירבל מיך פאַרטויבן, מיך פאַרזויפן.

און ווען ס׳געהאַרכט שוין נישט דאָס אויפגעשוימטע פערד, די וועלט
פאַרלירט די פאַרבן, דורכן קרעפ פון פינצטערניש פאַרשטעלט, —
ווי ס׳וואָלטן אין געפלאַצטן שפיגל — מיינע מאַטע אויגן,
געשפּענסט פון וואַלד־און־טאָל און שטיינער־שאָטנס זיך באַוויגן.

עס שלאָפט די ערד, מיך נעמט קיין שלאָף נישט. כ׳שפּרינג אין ים־געברוס,
א כוואַליע, שוואַרץ און אויפגעבלאָזן, לויפט מיט רעש צום ברעג,
כ׳בייג איין צו איר דעם שווערן קאָפּ, די מידע אָרעמס שטרעק.

עס פלאַצט די כוואַליע אויפן קאָפּ, כאַאָט מיך רינגלט אום;
איך וואַרט, אַז, ווי א שיפל אין געווירבל, זאָל מיין זינען
פאַרבלאָנדזשען און א רגע אין פאַרגעסונג זיך געפינען.

XI

אַלושטע ביטאָג *

שוין טרייסלט אָפּ דער באַרג פון ברוסט די נעפּל־גרוילעכע כילאַטן,
עס שפּטושעט דעם גאַנצפריאַיקן גאַמאַז* דאָס זאַנגען־גאָלד און פעלד,
דער וואַלד פאַרנייגט זיך און שיט אָפּ, פון קנאָספּן מאַיאיקע צעהעלט,
ווי פון אַ רויזנקראַנץ פון אַ קאַליף, רובינען און גראַנאַטן*.

די לאָנקע איז אין קווייטן, אויף דער לאָנקע העכער קווייטן פליען —
קאָלירטע פלאַטערלעך, זיי האָבן, ווי א רעגנבויגן־באַנד,
באַדעקט דעם הימל מיט א באַלדאַכין פון דימענט און בריליאַנט;
און ווייטער ליילעכער צעפליגלטע פון הײשעריקן ציען.

עס קאָכט און זידט דער ים אָן דאָרט, וווּ ס׳קוקט דער ליסער פעלדז
פון וואַכער,
און שטורעמט, א צוריקגעשטויסענער, אויפסניי מיט קראַפט דעם זיגער:
אין זיינע שוימען שפּילט א שיין, ווי אין די אויגן פון א טיגער,

ער איז אַ שטורעם נאָך אַ שרעקלעכערן ערשט דער וועלט מבשר;
נאָר ווייטער אויף זיין שפּיגל וויגט זיך לייכט א כוואַליע איבער טיפן,
און דאָרט זיך באָדן שוואַנען־טשערעדעס און רונדיקע שיפן.

XII

אלושטע ביינאַכט

עס שטיפן ווינטן, ביסלעכווייז די חמימה פון בייטאָג הערט אויף,
עס טוט אויף קאַרק פון טשאַטירדאַה דער וועלטן-לאָמפּ אַ פאַל אַרויף*,
צעברעכט זיך, פליצט מיט שטראָמען פורפור, און עס לעשט זיך אוים
זיין שיין.
א פיליגרים א וואנדערער זיך קוקט ארום און האָרכט זיך איין:

די בערג שוין שווארץ געוואָרן, און מיט נאַכט די טאָלן שטומען,
די קוואַלן מורמלען ווי פון שלאָף אויף זייד-געלעגער שווארצן;
די לופט, וואָס אָטעמט שטיל מיט דופטן, די מוזיק פון בלומען,
מיט אַ געהיימער שטימע פאַרן אויער רעדט צום האַרצן.

אין שויך פון פינצטערניש-און-שטילקייט-פליגל כ'שליס די אויגן:
דאָ טוט א מעטעאָר* א וועק מיך אויף מיט א שאַרפן בליאַסק-געריין,
דעם הימל, ערד און בערג פארגאָסן האָט א גאָלדענער פארפלייץ!

אָ, מזרח-נאַכט! געגליכן צו אַן אָדאַליסקע*, איבער מיר געבויגן,
דו שלעפסט מיך איין מיט צערטל, און ווען כ'נעם אין דרימל טייען,
מיך וועקט א פינק ביי דיר אין אויג צו נייע צערטלערייען.

XIII

טשאַטירדאַה

דער מירזא

מיט ציטער קושט דער מוסולמענער פון דיין פעלדז די זוילן,
דו מאַסטובים פון דער קרימער שיף, דו גרויסער טשאַטירדאַה!
אַ וועלטן־מינאַרעט! פון אַלע בערג דער פּאַדישאַך*!
דו האָסט אין וואָלקנס איבער פעלדזן־הייכן זיך פארהוילן,

און ס׳זעט דיך דאָרט דער הימל לעם דעם טויער זיינעם זיצן
און היטן, ווי גבריאל — דעם גן־עדן פאַר געפאַרן*;
דער טונקלער וואַלד — דיין מאַנטל, און פון פּחדים די יאַנטשאַרן*
דיין כמאַרענעם טורבאַן זיי העפטן אויס — ס׳געפליין פון בליצן.

צי בראָט די זון אונדז, צי אַ נעפּל פינצטערט, צי פארלענדט
אַ היישעריק דעם שניט, אַ גיאַאור די הייזער ברענט, —
ביסט טויב און אומבאַוועגליך, טשאַטירדאַה, ביי יעדן טראַף;

צעווישן וועלט און הימל דראַגאָמאַן* פון דעם באַשאַף,
די ערד, דער מענטש, דער דונער אונטער דיינע פיס געשפּרייט,
דו האָרכסט בלויז די יצירה און דעם וועלטבאַשאַפערס רייד.

XIV

דער פּיליגרים

דאָס לאַנד, וואָס ליגט פאַר מײַנע פֿיס, איז שפּעדיק און פּרעכטיק,
אַרום געזיכטער שײַנע, און דער הימל אויבן לעכטיק;
פֿאַרוואָס זשע לויפֿט פֿון הי אַוועק מײַן האַרץ צו קאַנטן ווײַטע
און — אָ, צו מײַן באַדויערן! צו ווײַטערע נאָך צײַטן?

אָ, ליטע! ס'פֿליגט דײַן וואַלדס געוויש־געזאַנג מיך שטאַרקער רירן
פֿון די באַידאַרער סאָלאָווייען און סאַלהירער מיידן*,
עס פֿליען דײַנע זומפּן מיר פֿאַרשאַפֿן מערער פֿריידן
פֿון היגע ביימער מיטן רייץ פֿון רויט־און־גאָלד־קאָלירן.

ווי ווײַט איך בין! פֿאַרשיידנס לאָקט מיך, גרייט מיך צו פֿאַרפֿירן;
פֿאַרוואָס זשע זיפֿץ איך, בענקענדיק אָן אויפֿהער, אַ צעשטרייטער,
צו יענער, וואָס איך האָב געליבט אין יוגנט־צײַט דער ווײַטער?

זי לעבט אין זיסן לאַנד, פֿון וועלכן מיך האָט מען פֿאַרטריבן,
וווּ אַלץ דערציילט איר וועגן מיר און מײַן געטרייען ליבן,
צי זוכט זי מײַנע שפּורן, וועלכע זענען פֿריש פֿאַרבליבן?

XV

דער וועג איבערן תהום אין טשופּוט-קאַלע*

אַ מירזאַ און אַ פּילִיגרים

דער מירזאַ

טו תּפֿילה, לאָז די לייצעס פֿריי, דאָס פּנים אין אַ זייט דריי אויס,
אויף דעם-אָ אָרט דער רייטער מוז דעם פֿערד פֿאַרגלייבן זיין פֿאַרשטאַנד*;
אַ מוטיק פֿערד! אָט זע, ס׳בלייבט שטיין און מיטן בליק די טיף מעסט אויס,
אַ זעץ אַראָפּ זיך, מיט דער קאָפּיטע אַ כאַפּ דעם אָפּריס-ראַנד,

און הענגט אין לופֿט. — נישט קוק אַהין! עס וועט דיין בליק אין זיין שפּאַציר,
ווי אין דער ברונעם-טיף פֿון אַל-קאַהיר*, דעם גרונט נישט גרייכן.
ווייז אויך אַהין נישט מיט דער האַנט — דו האָסט קיין פֿליגל נישט אויף איר;
און אויך מיט דיין געדאַנק די טיפֿעניש אַהין נישט צייכן:

ער וועט — אַן אַנקער, פֿון אַ שיפֿעלע געוואָרפֿן — פֿליען
אין טיפֿן אומענד, ווי אַ בליץ, און, נישט דערבויערט זיך צום דנאָ,
אין תּהומישן כאַאָס דאָס שיפֿעלע צום אומקום ציען.

דער פּילִיגרים

און איך האָב, מירזאַ, שוין געקוקט! און וואָס איך האָב געזען דאָרט, יאָ,
דורך אַ שפּאַרונע פֿון דער וועלט, איך וועל דערציילן — נאָכן טויט:
די לעבעדיקע האָבן נאָך פֿאַר דעם קיין שפּראַך נישט אויסגעבויט.

XVI

דער באַרג קיקינעס *

דער מירזא

כאַפּ אַ קוק אין תהום — דער הימל, וואָס איז דאָרטן ברייט צעגאָסן,
איז דער ים; — עס דאַכט זיך, ווי דער פֿויגל־באַרג*, פֿון בליץ דערשאָסן,
צווישן פֿאַליעס וואָלט די פֿעדער־מאַסטן אין אַ קרייז צענומען —
ס׳האָט אַ האַלבקרייז, ברייטער פֿון אַ רעגנבויגן, זיך באַקומען —

און דעם בלויען וואַסער־שטח מיט אַ ווײַסע שניי פּאַרדעקן.
ס׳איז די שווימענדיקע ווײַסע אינעם תהום — אַ כמאַרע־מענגע*!
און אַ האַלבע וועלט דער שאָטן פֿון איר ברוסט מיט נאַכט טוט שרעקן;
זעסטו ווי עס צינדט זיך אויף איר שטערן אָן אַ פֿײַער־סטענגע?

ס׳איז דער בליץ! — נאָר לאָמיר בלײַבן שטיין, דער תהום איז פֿאַרן טראָט.
מיט אָן אימפּעט מוז מען איבערשפּרינגען דאָ דעם שלונט; איז אָט —
איך וועל טאָן אַ יאָג, און דו, אַ גרייטער מיט די בייטש און שפּאָרן,

קוק צו יענעם פֿעלדזן־ראַנד: ווען כ׳וועל פֿאַרשווינדן, ווי אַ בליץ,
אויב סע טוט אַ שימער דאָרט אַ פֿעדער, איז עס, ווייס, מײַן מיץ,
און אויב נישט, וועט קיינמאָל שוין מיט אָט דעם וועג קיין מענטש
נישט פֿאָרן.

XVII

די שלאָס-רואינען אין באַלאַקלאַוו *

די שלעסער, אָט די ווילדע חורבות, רואינירטע ווערק,
דיך האָבן, קרים, באַצירט, באַוואַכט, אָ, כפוי-טובה איינער!
זיי שטאַרצן היינט ווי שאַרבנס ריזיקע אויף דיינע בערג,
עס וווינען שלענג און זיי צי מענטשן נאָך פון שלענג געמיינער.

מיר שטייגן צו דעם טורעם! כ'זוך א הערב-שפור דאָ פון אויבן:
אָט איז אן אויפשריפט; אפשר גאָר א נאָמען פון א העלד,
אן אָפּשרעק פאַר חיילות, דרימלט אין פארגעסונג דאָ פארשטעלט,
ארומגעוויקלט ווי א וואָרעם מיט א בלאַט פון טרויבן.

אַ גריך האָט דאָ די ווענט געקריצט, אַטעניש זיי פאַרצירט,
פונדאַנען די מאָנגאָלן האָט פאריאָכט דער איטאַליענער,
א גאסט פון מעקאַ האָט געזונגען זיין נאַמאַז גערירט.

היינט פליען גייערס איבער קברים (פליגל — שווארצע פענער),
ווי טרויער-פאָנען פלאַטערן פון טורעמס אין אַ שטאָט,
וואָס שטאַרבט אינגאנצן אוים פון א מגפה אָן גענאָד.

XVIII

אַיודאַה*

כ'האָב ליב, אַן אָנגעלענטער אויפֿן פֿעלדז אַיודאַה, קוקן
ווי רייען שוואַרצע ריזן־כוואַליעס אויפֿגעבריזט זיך טוקן,
צונויפֿגעדרענגטע שטורעמען אויף, און אָט ווי זילבער־שנייען
אין פֿיל מיליאָנען רעגנבויגנס פּרעכטיק־שיין זיך דרייען.

זיי שטויסן אָן זיך אין געזעמדן, דרויבלען זיך אָן אויפֿהער,
און ווי תהילות וואַלפֿישן די בריגן ראַש באַפֿאַלן,
פֿאַרכאַפּן מיט טריומף דאָס לאַנד און, אויף צוריק אַנטלויפֿער,
באַוואַרפֿן הינטער זיך מיט מושלען, פּערל און קאָראַלן.

אָ, יונגער דיכטער*! אויך דיין האַרץ איז ענלעך אָנגעלאָדן,
די ליידנשאַפֿט ברויזט אויף אין דיר געפֿערלעכע פֿאַרלאַנגען;
נאָר הייבסטו אויף די לירע, דאַן אַנטלויפֿט זי אָן דיין שאָדן

אין טיפֿעניש פֿון דער פֿאַרגעסונג צו פֿאַרזינקען ווערן,
און זי פֿאַרלירט אַנטרינענדיק אומשטערבלעכע געזאַנגען,
פֿון וועלכע ס'וועט די צוקונפֿט פֿלעכטן צירונג פֿאַר דיין שטערן.



אָיודאָה

האָלצשניט פון ע. גאָראַזדאָווסקי

לויערונג

(אוקראַינישע באַלאַדע)

דער וואָיעוואָדע, א צעשרויפטער,
זיך איילט; פון דער אַלטאַנע לויפט ער
אין שלאָס מיט אומרו אין דער ברוסט.
דעם פאָרהאַנג פאָרזיכטיק פאררוקט ער,
און שאַרף אויף דעם געלעגער קוקט ער,
און שוידערט אויף: דאָס בעט איז פוסט.

ער לאָזט אראָפּ דעם בליק צום באָדן
און, פול מיט צאָרן אָנגעלאָדן,
מיט ציטער טוט אַ וואָנס אַ דריי.
ער טוט פון בעט־אַוועק אַ קער זיך,
פארוואַרפט די אַרבל, א פארקלער זיך,
און צו א קאָזאַק מיט געשריי:

„העי, נאום, כאַם דו איינער,
פאַרוואָס ביים טויער שטייט נישט קיינער,
קיין דינער נישט און נישט קיין הינט?
איך דארף, גיי ברענג, אַ שטריק, א זעקל,
די ביקס דאָרט נעם אראָפּ פון פלעקל,
און קום צו לויפן שנעל־געשווינד”.

באַוואָפנט שלייכן זיי אין גאָרטן
שטיל־שטיל צו דער אַלטאַנע דאָרטן,
וואָס פון א קוסטעס־ריי באַוואַכט.
אין שאָטן אויף דער גראָזבאַנק שימערט
און ווייסלט עפּעס, און עס גלימערט:
אַ פרוי דאָ זיצט אין ווייסער טראַכט

און מיטן צאָפּ אין האַנט די אויגן
פֿאַרשטעלט; דאָס קלייד, אַרויפֿגעצויגן
צום האַלדז, די ברוסט אין צניעות היט;
זי נייגט אַוועק מיט האַנט דער צווייטער
אַ מאַנצבל, וואָס דערלעבן שטייט ער,
פֿאַר איר אַ בעטנדיקער קניט.

„געליבטע, — צו איר פּנים בליקט ער,
און מיט אַ שטימע אַ געדריקטער —
האָב איך פֿאַרלוירן אַלץ שוין? אוים!?
דיין זיפֿץ, דיין האַנטדרוק, דיין באַגערן
צום וואַיעוואָדע בלויז געהערן —
ער האָט באַצאָלט פֿאַר זיי פֿאָרויס.

„באַטש איך געליבט האָב דיך מיט פֿייער,
ווי קיינמאָל קיינער נישט געטרייער,
כ'וועל מוזן ווייטער קרעכצן אַלץ אומזיסט;
און ער — צי האָט געליבט, געקרעכצט ער?
בלויז מיטן בייטל האָט געלעכצט ער,
און דו אים זיך אינגאַנצן גיסט.

„נאַכט־נעכטלעך וועט דער אַלטער ליגן
אין שוואַנען־פּוך, דעם קאָפּ פֿאַרוויגן
אויף שוים אויף דיינעם אומגעשטערט,
פֿון דיינע ראָזע ליפּלעך ציען,
פֿון דיינע בעקלעך, וועלכע גליען,
די זיסקייט, וואָס איז מיר פֿאַרווערט.

„קיין קעלטן, בלאָטעס מיר נישט שטערן,
און קענען ציטער־שיין פֿון שטערן
איך רייט אַהער צו דיר געאײַלט,
כּדי מיט זיפֿץ דיך צו באַגעגענען,
מיט וווּנטשן האַרציקע געזעגענען:
אַ גוטע נאַכט און זים זיך ווײַלט".

זי האָרכט נישט, ער — דאָס זעלבע ווייטער,
די טענות נאָכאַמאָל באַנייט ער
און שווערט, און שווערט אין גרויסער פּיין,
זי ווערט געריירט, די אויגן — נאַסע,
און אַ פֿאַרחלשטע, אַ בלאַסע
אין זיינע אָרעמס פֿאַלט אַריין.

און לעם אַ קוסט, פֿאַרזעצט איז לויער —
דער וואָיעוואָדע און זיין פֿויער;
(מיט זיי צוזאַמען זיצט דער טויט)
צו אַ פּאַטראָן נעמט יעדער איינער,
ביסט אָפּ פּאַמעלעך מיט די ציינער*,
שטאָפּט אָן דעם פּולווער און דעם שרויט.

„מיין האַר, אַ רוח נעמט מיך, —
דער קאָזאַק שעפּטשעט שטיל — סע קלעמט מיך,
איך קאָן די מויד נישט שיסן, הער;
ווי כ'האָב דאָס צינגל אָנגעצויגן,
איך שוידער אויף, און פֿון די אויגן
סע פֿאַלט אין מאַגאַזין אַ טרער".

„שווייג שטיל שוין, ידו היידוקן-זרע,
איך וועל דיר געבן קוועטשן טרערן!
אָט האָסטו פּולווער — נעמסט צי ניין?
מאַך גרייט די לאָדונג, שלאָג אויס פֿייער
און שיס, אויב ס'לעבן איז דיר טייער,
נו, שיס — די מויד צו זיך אַליין!

„ציל העכער... רעכטער... וואַרט נאָר... שפּעטער...
צוערשט וועל איך אין דעם פּאַרעטער...
אים לייכטער מאַכן אין זיין נויט".
דער קאָזאַק איז זיין האַר פֿאַרלאָפֿן,
האָט אויסגעשאָסן און געטראָפֿן —
עס ליגט דער וואָיעוואָדע טויט.

1829

די דריי בודריסן

(ליטווישע באַלאַדע)

בודריס רופֿט פֿאַר זיין ווינונג
זיינע פֿעסטע דריי זינען,
דריי ליטווינער, ווי ער, צום באַפֿעל:
„פֿירט אַרויס באַלד די רייטפֿערד,
ברענגט אין אָרדנונג די זאָטלען,
שאַרפֿט די פֿיילן און שווערדן, שאַרפֿט שנעל.

„מ'האָט אין ווילנע געזאָגט מיר,
אַז מע גרייט שוין אויף זיכער
דריי קאַמפּאַניעס אין דריי זייטן לאַנד:
אָלגיערד קעגן די רוסן,
סקירגיעל קעגן די ליאַכעס,
דעם טעווטאָן דער פֿירשט קעיסטוט באַפֿאַלט.

„איר זענט פֿעסטע, געזונטע,
פֿאַרט זשע דינען דאָס הימלאַנד:
(געטער ליטעס, און נויט שטייט זיי ביי!)
איך וועל היי'אַר נישט פֿאָרן,
נאָר איך עצה אייך, פֿאַרער:
טיילט זיך איין מיט די וועגן די דריי.

„איינער איילט, ווו באַפֿאַלן
גרייט זיך אָלגיערד די רוסן,
ביי דעם אילם, לעם די נאָווג'ראָדער ווענט;
רייך מיט סויבלען די שטאָט איז
און מיט זילבער-גאַרדינען,
ווו די סוחרימשאַפֿט לעבט און פֿאַרשווענדט.

„צום פֿירשטן קעיסטוס דער צווייטער
איילט זיך שנעל צו וועדבירן,
שלאָגט די קרייצלער, די הינט מאַכט צו שאַנד;
ס׳איז בורשטין דאָרט מיט זאַמד גלייך,
די געוואַנטן דאָרט בליאַסקען,
און די פּריסטער-טראַכט שפּילט מיט בריליאַנט.

„און דער דריטער צו סקירגעלען,
שווימט דעם ניעמאַן אַריבער;
ס׳איז דאָס מעבל דאָרט פּשוט, אָן ציר,
אַבער שווערדן און שילדן
וועט ער גוטע דאָרט טרעפֿן
און אַ שנור גאָר אַ שיינע פֿאַר מיר.

„ווייל סע זענען די ליאַכקעס
צווישן מיידלעך די שענסטע,
צאַרט, ווי קעצעלעך, פֿריילעך און מילד;
בעקלעך — ווייסער פֿון מילעך,
שוואַרץ-באַברעמטע די ווייעס,
אויגן — שטערן, און בליציק צעשפּילט.

„מיט אַ פּופֿציק יאָר צריק נאָך,
ווען כ׳בין יונג נאָך געווען,
כ׳האָב פֿון דאָרט זיך אַ ליאַכקע געבראַכט;
כאָטש זי ליגט שוין אין קבֿר,
ווען איך קוק נאָר אַהינצו,
אין זכּרון זי תּיכּף דערוואַכט“.

ווי יעם ענדיקט דער אַלטער
און באַשענקט זיי מיט ברכות,
זיי באַוואָפֿנט זיך לאָזן אַוועק;
ס׳קומט דער אָסיען, דער ווינטער —
אַלץ נישטאָ זיי, נישטאָ זיי.
„געווים טויט שוין, — טראַכט בודריס — אַן עק“.

דורך אַ ווינטער, באַוואָפֿנט,
רייט אַ מאַן אין אַ בורקע —
וואָס פֿאַרהוילט דאָרט דער מאַן אונטער איר?
„ס׳איז אַוודאי אַן עמער,
פֿול מיט נאָוואָגראָדער רובלס“.
„ניין, אַ ליאַכישע שנור ס׳איז פֿאַר דיר“.

דורך אַ שנײשטורעם טראָגט זיך
אַ באַוואָפנטער רײטער,
און זײן בורקע באַהאַלט עפּעס אױס;
„ס'איז אַוודאַי פון דײטשלאַנד,
מיט אַן עמער בורשטינען".
„נײן, אַ ליאַבקע, אַ שנור דיר אין הױז".

דורך אַ שנײשטורעם טראָגט זיך
צו דעם דאָרף שױן אַ דריטער,
און זײן בורקע מיט זאַקרױב איז פֿול;
נאָר ער פרעגט שױן נישט, בודרים,
שיקט נאָך געסט און פאַרבעט זײ
אױף די חתונות דרײ פאַראַמאָל.

.1829

די דריי בודריסן — האָלצשניט לויט דער צייכענונג פון יוליוש קאָססאַק

דורך אַ שנייִשטורעם טראָגט זיך
אַ באַוואָפנטער רייטער,
און זיין בורקע באַהאַלט עפּעס אויס;
„ס'איז אַוודאַי פון דייטשלאַנד,
מיט אַן עמער בורשטינען".
„גיין, אַ ליאַבקע, אַ שנור דיר אין הויז".

פון דער עפּאָפּעע „פּאַן טאַדעוש"

יאַנקל צימבלער

צימבלער זענען דאָ, נישט איינער,
פאַר יאַנקלען אָבער שפּילן — זיך דערוועגט נישט קיינער
(פאַרבראַכט האָט יאַנקל ערגעץ, ווער ווייסט וווּ, דעם ווינטער,
און, אומגעריכט, זיך מיטן הויפּטשטאַב דאָ געפינט ער).
אַז ליט טאַלענט און פליסקייט, לויט זיין גוטן דעם רייכן,
ווייסט יעדערער, האָט יאַנקל נישט צו זיך קיין גלייכן.
מע טראָגט אים צו דעם צימבל און מע בעט אים שפּילן,
נאָר ער ציט צוריק זיך מיט אַן אָפּזאָג מיט אַ שטילן:
די הענט פאַרגרעבט, און פאַר די פּאַנעס איז אַ בושה;
פאַרנייגט זיך, הייבט ער זיך אַוועק; דערזעט דאָס זאָשע,
לויפט צו און איילט זיך אים די שטעקלעך צו דערלאַנגען,
מיט וועלכע ער, דער מייסטער, שלאָגט אַרום די קלאַנגען,
און מיט דער צווייטער האַנט זיין באָרד די גרויזע גלעט זי:
„זיי מוחל, יאַנקל, מאַכט אַ רעווערענס און רעדט זי,
ס'איז מיינע תנאים דאָך, האָסט פיל מאָל דאָך צו שפּילן
פאַרשפּראָכן אויף מיין חתונה אין גוטן ווילן!"

שטאַרק ליב האָט יאַנקל זאָשען, טוט זיין באָרד אַ ציטער:
ס'הייסט, מסכים; פירט מען אים; אַט זיצט שוין אין דער מיט ער;
אויף זיינע קניעס איצט דעם צימבל זעט מען ליגן,
ער קוקט אויף אים מיט שטאָלצקייט און מיט פאַרגעניגן: —
אַ וועטעראַן גייט שיצן פאָטערלאַנד און ערע,
די איינציקלעך דערלאַנגען אים די שווערד די שווערע,
דער זיידע לאַכט: שוין לאַנג מיט איר זיך נישט געטראָפן,
נאָר כ'פיל, אַז נישט פאַרלאַזן וועט מיין האַנט דאָס וואָפן.
צוויי שילער אויף די קניעס האָבן זיך גענומען
די סטרונעס אַנצוסטראָיען, אויספּרוּוון; זיי זשומען;
פאַרטראַכט זיך יאַנקל, שווייגט, פאַרמרוּשעט האַלב די אויגן,
די שטעקלעך צווישן זיינע פינגער אומבאַוווּיגן.

ער הייבט אָן שלאָגן מיט אַ טאַקט אַ טריאומפאַלן,
און באַלד פאַרגיכערט, ווי אַ שלאַקסרעגן וואָלט פאַלן;
חידושים — אָבער ער געוואָלט האָט בלויז אַ פּרוּוו טאָן,
רייסט איבער, און די שטעקלעך הענגען אין דער לופטן.

און ווידער ציטערן די שטעקלעך לייכט באַוועגן;
ווי איבער זיי אַ פליגל וואָלט פאַרבייגעפלויגן,
די סטרונעס לאָזן אַ קוים-הערבאַר זשומען הערן.
דער מייסטער קוקט אַרויף, ער זאָל באַגייסטערט ווערן.
סע פאַלט זיין בליק, און שטאָלץ דעם צימבל נאָגט ער,
די הענט אַהייב, אַראָפּ, מיט ביידע שטעקלעך שלאָגט ער,
מע שטוינט...
עס פליצן אַלע סטרונעס קלאַנגען העלע,
ווי ס'וואָלט צעהילכט זיך אַ יאַנטשאַרישע קאַפּעליע*
פון פייפלעך, פייקעלעך און זעליעס* . מ'איז געפאַנגען:
עס קלינגט דער פ אָ ל אָ נ ע ז פ ו ן ד ר י ט ן מ אַ י!* די קלאַנגען,
מיט פרייד צעאָטעמט, דאָס געהער מיט פרייד דערנערן,
די פאַננעס ווילן טאַנצן, ס'פלאַמען קאַוואַליערן —
נאָר ביי די זקנים פרישן אויף זיי אין זכרון
די גליקלעכע פאַרגאַנגענהייט, ווען ס'איז געוואָרן
אין ראַטהויז-זאַל געיובלט פון די דעפּוטאַטן
דער קעניג, מיטן פאָלק געאייניקטן דורך טאַטן;
„וויוואַט דעם קעניג! — זינגט מען אים אינמיטן טאַנצן —
וויוואַט דעם סיים, די שטאַנדן און דעם פאָלק אינגאַנצן!"

דער מייסטער יאָגט די טאַקטן, טענער פאַרגעדיכט ער,
און מיטאַמאָל — אַ שלאַנג-געציש אַן אומגעריכטער,
אַ גרילץ פון אייזן איבער גלאָז — אַ שרעק פאַרשפּרייט זיך,
און מיט אַ פאָרגעפיל פון בראָך מישט אויס די פרייד זיך.
די צוהערער, צערודערט, צווייפלען אומגעדולדיק:
איז שלעכט די כלי? צי דער מייסטער איז דאָ שולדיק?
אַזאַ מין מייסטער איז נישט שולדיק! מיט כוונה
ער שלאָגט און שלאָגט אין דער פאַרעטערישער סטרונע,
און שטאַרקער צאָרנט אַלץ דער גרילץ-אַקאָרד אָט יענער,
וואָס וויל צערייסן די האַרמאָניע פון די טענער;
ביז איבעראַשט באַנעמט דער עקאָנאָם דעם מייסטער,
פאַרדעקט דאָס פנים, שרייט ער: „טאַרגאָוויצע וויזט ער!"
דאָ פלאַצט די בייזע סטרונע מיט געסווישטש; דער שפּילער
די פרימעס* שלאָגט, האַקט אָפּ דעם טאַקט, און תיכף שטילער
גייט איבער צו די באַסנסטרונעס מיט די שטעקלעך.

יאַנקל צימבלער געצייכנט מיט טוש פון ציפּריאַן קאַמיל נאָרוויד

פֿאַרטראַכט זיך יאַנקל, שווייגט, פֿאַרמרוזשעט האַלב די אויגן,
די שטעקלעך צווישן זיינע פֿינגער אומבאַוויגן.

מע הערט אַלץ שטאַרקער אַ געטומל, קולות — שרעקליעך! —
אַ מאַרש, מלחמה, אַן אַטאַק — די לופט צערייסט ער —
געקרעכץ פון קינדער, קלאָג פון מאַמעס. — ס'באַווייזט דער מייסטער
אַזוי דעם גרויל פון שלאַכט, וואָס שוידערט אויף די גלידער,
אַז פויערטעס דערזעען ערשט דורך טרערן ווידער
די פּ ר אַ ג ע ר ש ח י ט ה פון די פאָלקס־מעשׂות און לידער,
ביז ענדליעך ווי אַ דונער אין די סטרונעס שלאָגט ער,
און יענע קלאַנגען, ווי אין דרערד אַריין, פאַריאָגט ער.

די הערער, איבערראַשטע, קוים צו זיך געקומען,
פאַרנעמען ווידער שוין אַ שטיל און ווייכליעך זשומען,
עס יאָמערן געציילטע סטרונעס, ווי געציילטע פליגן,
וואָס מטשען זיך פון שפּינוועב זיך אַרויסצוקריגן.
נאָר טענער קומען צו, פאַראייניקן זיך פעסטער,
אַקאָרדן־לעגיאָנען טוליען זיך געפרעסטער,
און ס'גייען שוין אין טאַקט האַרמאָניזירטע קלאַנגען —
דער ניגון פון אַ ליד, וואָס איז זיך ווייט צעגאַנגען:
אַ זעלנער וואָגלט איבער וועלדער, בערג און טאָלן,
לײַדט נויט און פּײַן און ווערט פון הונגער אָפּט געשוואָלן,
ביז ענדליעך פאַלט ער טויט שוין לעם זײַן פערד דעם טרײַען,
און ס'פערד גראָבט אויס אַ גרוב פאַר אים און זײַן כלי־זײַן.
דאָס אַלטע ליד איז ליב דעם מיליטער פון פוילן!
זײַן ניגון בלײַבט נישט פאַר דער חברה דאָ פאַרהוילן,
זיי רינגלען אום דעם מייסטער, האָרכן, זיך דערמאָנען
די צײַט, ווען מ'איז ביים גרוב פון פאָטערלאַנד געשטאַנען,
דאָס ליד געזונגען און אַוועק אין גלות־ווײַטן;
עס קומען אויפן זינען יענע וואָגל־צײַטן:
מדינות, פעלקער, ימים, פרעסט און הייסע זעמדער,
ווען ס'פלעגט אין לאַגער, אין אַ סביבה אין אַ פרעמדער,
זיי טרייסטן אָט דאָס פאָלקס־ליד, רירן זיי ביז טרערן.
זיי לאָזן אומעטיק אַראָפּ די קעפּ און קלערן.

זיי הייבן אויף זיי צריק — עס שפּילט דער מייסטער ווידער
געשפּאַנטער, העכער, טוישט דעם טאַקט פאַר נײַע לידער,
ער לאָזט אַראָפּ דעם בליק, מיט אים די סטרונעס טאַפּט ער,
די הענט פאַראייניקט, און מיט ביידע שטעקלעך קלאַפּט ער:
די קלעפּ די קונציקע, ווי מעכטיק־שטאַרק זיי פאַלן!
ווי טרובעס מעשענע די סטרונעס זיך צעשאַלן,
די שאַלן טראָגן זיך צום הימל און געווירן
דעם מאַרש פון זיג, אַז נ אָ ך א י ז פּ ו י ל ן נ י ש ט פ אַ ר ל ו י ר ן!...

און מ אַ ר ש ד אָ מ ב ר אָ ו ס ק י...! פּלוצעם הילכן פּאַטשערייען,
און „מאַרש דאָמבראָווסקי” אין אַ כאָר שוין אַלע שרייען.

ווי ס'ליד וואָלט אים אַליין פאַרוואונדערט, לאָזט דער שפּילער
אַראָפּ די שטעקלעך, הייבט אַרויף די הענט שוין קילער,
דאָס פוקסן־היטל רוקט אַראָפּ זיך צו זיין פּלייצע,
עס שטאַרצט זיין באָרד, און השיבותדיק־צעפלאַטערט שטייט זי,
די באַקן אויסטערליש מיט רויטע קרייזן גליען,
די בליקן, פולע גייסט, מיט יאגנט־גלוט זשאַריען;
דער אַלטער צו דאָמבראָווסקין ווענדט די אויגן — שטראַלן,
פאַרדעקט זיי מיט די הענט, הורך פינגער טרערן פאַלן:
„אָ, גענעראַל, אויף דיר וואַרט לאַנג שוין אונדזער ליטע,
ווי אויף משיחן מיין פאָלק, דאָס שטויב־צעשיטע,
עס האָבן וועגן דיר געזאָגט נביאות זינגער,
געצייכנט אויפן הימל האָבן וואונדער־פינגער,
אַ לעב און קעמף, דו אונדזער!...” זיינע טרערן זידן,
דער ווייל ווי דעם פויל איז פוילן ליב דעם פיינעם יידן!
דאָמבראָווסקי גיט די האַנט אים, דאַנקט, און ער, געבויגן,
דאָס היטל ציט און קושט די האַנט מיט פרומע אויגן.

מ ש ל י ם

דער גלאָק און די גלעקלעך

די גלעקלעך אויפֿן טורעם נעמען איינמאָל שפּאָטן
פֿון גלאָק, וואָס הויערט אויפֿן זאַמד אין קאָשטיאָלס שאָטן:
— מיר קאָנען, ברידער, זינגען, כאָטש מיר זענען קליינוואַרג;
און וואָס אַז דו ביסט גרויס, אויב שטום און טויב, ווי שטיינוואַרג! —
זאָגט אומעטיק דער גלאָק: — איר גלעקלעך, דאַרפֿט גאָר לויבן
דעם פֿלעבאַן, וואָס האָט מיך געזעצט דאָ אויף די שטויבן.

1860—1825

פריינד

קיין וואָרע פריינדשאַפט איז אין לעבן היינט שוין נישט פאַראַנען.
אַ לעצטער ביישפּיל איז באַקאַנט מיר פון דעם קרייז אַשמיאַנע.
ס'האָט ליעשעק זיך מיט מיעשעקן באַפריינדעט; דאָרט ווו איינער
איז אויך דער צווייטער; מיינס איז דיינס; און — מיר זאָל זיין פאַר דיינע
ביינער!

אַ ניסעלע געפונען — האָט מען וועגן זיי דערציילט זיך —
איז מיט זיין יאָדער גלייך אויף גלייך געטיילט זיך.
בקיצור, פריינד אַזעלכע, קאָן מען זאָגן,
ווי ס'וואָלט אין זיי דאָס זעלבע האַרץ געשלאָגן,
און איין נשמה וואָלטן זיי פאַרמאָגן.
נאָר איינמאָל, ווען זיי גייען אין אַ וואַלד שפּאַצירן
און וועגן זייער פריינדשאַפט רירנדיק אַ שמועס פירן,
וואָס מישט זיך מיט די קולות פון זאַזוליעס און וואָראָנעס,
טוט פלוצעם הינטער זיי אַ ברום אַ חיה מיט סכנות.
מיין ליעשעק — אויף אַ דעמב און ווי אַ פיקהאָלץ שפּרינגט ער.
און מיעשעקן, וואָס קאָן נישט די מלאכה, וואָס בלייבט איבער
צו טאָן? ער שטרעקט די הענט און בעט זיך: „ליבער!”,
נאָר ס'איז זיין ליבער אויפן שפּיץ שוין, דורך די בלעטער ווינקט ער.
ס'באַווייזט נישט מיעשעק צו פאַרמרוישען פעסט די אויגן,
אין ווערן בלאַס, און אויפן פּנים פאַלן אויסגעצויגן,
ווי ס'נעמט דער בער באַטאַפּן אים: אַ טויטער פלאָקן;
באַשמעקט ער אים און, לויט זיין אַראָמאַט דעם שלעכטן
פון לייט, וואָס האָבן זיך אויף טויט דערשראָקן,
באַשליסט ער — ס'איז אַ ברמנן שוין נישט פון נעכטן.
ער ברומט און גייט אַוועק מיט עקל צו זיין וואַלד-געלייגער —

אַ בער אַ ליטווין איז נישט טועם פון קיין אַלטן פגר.
ערשט איצט האָט מישעק אויפגעלעבט. — „ביסט שוין געווען
אַ טויטער, —
אים זאָגט זיין פריינד — אַ נס: ער האָט דיך נישט צעדראַפּעט.
וואָס האָט ער לאַנג אַזוי עס איבער דיר געסאַפּעט,
ווי אויפן אויער אַ געהיימניש דיר פאַרטרויט ער?״.
און מישעק ענטפערט: „יאָ, אַ ווערטל פון אַ בערן־נאַרע —
אַ וואָרן פריינד דערקענט מען נאָר בעת אַ צרה״...

1860—1829

אַ דריילינג פֿערד

דער ליטווישער פּאָעט, דער באַרד אַנטאָני* האָט געהאַט
אַ דריילינג פֿערד, וואָס עפּעס איז געווען מיט זיי נישט גלאַט.
אויף דעם פּאַרנאַס וועט זייער אָנדענק ל ע ב ע ד י ק פֿאַרבלײַבן
אַ ז ו י, אַז כ׳וואָלט דאָס אויסזען זייערס הײַנט געקאָנט באַשרײַבן.
איז איינמאָל, ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן יענע טעג
און זאָגן אַלטע, טו איך — ס׳איז קיין חידוש נישט — אַ פֿרעג:
„איז וואָס זשע איז מיט יענע פֿערד געוואָרן? ס׳איז משוגעוודיג.”
דערציילט מיר אונדזער משל־שרײַבער אָט אַזוי: — כּך־הווה:
(עס שטעקט אַ סוד אין זייערע גורלות, מוז מען זאָגן.)
צוזאַמען ווערן זיי ביים אַבריק, זאַלבעדריט געשטעלט,
און איטלעכער נאָך אַ יאָר זיך פֿעלט,
קאָן איינס דעם צווייטנס פּרצוף נישט פֿאַרטראָגן.
דער זשליוב איז לאַנג, די סטאַניע גרויס, און נישט געקוקט דערויף,
דאָס פּאַרסקעניש און די געשלעגן הערן גאָרנישט אויף.
ביז כ׳האָב געמוזט זיי ענדלעך איינציקווייז פֿאַרקויפֿן.
נאָר וואָס? צי דער באַשערטקייט קאָן מען דען דעם וועג פֿאַרלויפֿן?
צו אַ קאַצאַפּס קיביטקע פֿירט דער גורל זיי צונויף!
פֿון אָרט זיך קוים גערירט, שוין קולות און געוואַלדן ווידער.
— הע׳, קוציקל אויף לינקס, — צעהירזשעט זיך לעזגין* —
נעם צו דעם פּיסק, דײַן סאָפּעניש איז מיר דערווידער! —
און העטשאַק*: — „פּריצים! נו, און איך וואָס? אַ בהמה בין?
הערט אויף צו רײַסן, כ׳גיב אַ בענטש אײַך, נעמט איר הינקען!”
און קאַזאַק: „שטיל, איר ברעכט דעם דישעל, פֿליקעס, אײַנגעזונקען...!
הערט אויף צו במאַליען, לאָמיר צו דעם זשליוב נאָר קומען,
וועל איך אײַך דורסן!” און זיי: „ווערסטו פֿון אונדז באַקומען!”
און ס׳הייבט זיך אָן דאָס רעכטע בריקעניש. דאָן טוט אַ נעם
דאָס בײַטשל דער קאַצאַפּ און קאָזאַקן לעגבויס אַ פֿלעם,
דערנאָך לעזגינען, העטשאַקן גאָר לײַטיש אין די זײַטן —
נישטאָ קיין צײַט צו בריקעווען. גאַלאָפּ מע טראָגט זיך צו די ווײַטן

אוקרײַנישע דרײַ מײַל. ערשט בײַ אַ שאָפּע פֿון אַ פּאָסט*
זײַ ענדלעך דער קאַצאַפּ זיך אָפּצורוען לאָזט —
ער שפּאַנט זײַ אויס, טראָגט אונטער פּאַשע, און זײַ נעמען עסן,
צוזאַמען, פֿרײלעך — דאָס געקריג לחלוטין גאָר פֿאַרגעסן.
און זײער סוד דער וועלט אַזױאַרום אַנטפּלעקט זיך: סטײטש?
דער אָבריק זײַ צעקריגט, ס'מאַכט שלום זײַ די בײטש.

1860—1832

דער אייזל און דער הונט

„אויב ווילסטו, אייזל, ס׳זאָל דער הונט דיך ליבן,
האָב ליב דו אים". ס׳האָט לאַקמאַן* דאָס געשריבן.
דער אייזל, נישט קיין יונגער שוין, האָט דאָס פאַרשטאַנען, דאָך
דערפון געשעפּט. ביז ס׳האָט געטראָפן אים דערפאַר אַ בראָך.
פאַר אייזל־דורות שפּעטערע כ׳דערציייל עס ווי אַ לערע.

דער אייזל, טראָגנדיק אויף זיך, ווי תמיד, טיוקעס שווערע,
שפּרייזט נאָך זיין האַר; און הינטן ליפּט זיי נאָך,
מיט אַן אַרויסגעשטעקטן צונג און זייטן־פּאַך ,
דער הונט אַלס שומר פונעם האָב און גוטס, כמעט פאַרהוילן
אין שטויבן־קנוילן.
אַ שומר — גאָלד! ער זאָל עס איין מאָל כאַטש אין וועג
זיך לאָזן נאָכן אייזלס ליטקעס אין געיעג!
פאַרקערט, אים צו פאַרווילן, שפּרינגט ער אין די זייטן
און באַלד אַ שפּרונג פאָרויס מיט פּענד באַנייטן,
און צוצוגעבן חשק, מיטן ווידל
אַ דריידל־דריידל.
אַזוי ביז מיטאָגצייט. געפּייניקט פון דער היץ, דער האַר
זעצט צו זיך, דרימלט איין. דערויף דער אייזל האָט געוואַרט.
אַרומגעקוקט זיך, נעמט ער קודם רייסן ס׳גראָז ביים וועג,
דערנאָך ער צופּט אַרום אַ מעזשע־ברעג,
און ענדלעך — האָפּ! דעם ראָוו אַריבער גאָר ווי אַן אַ מיין —
און אויף אַ לאָנקע ער דערזעט זיך שטיין.
ער האָט געפונען נישט קיין נאַשוואַרג עפּעס דאָרטן,
צי באַדיעקעס, צי קרייטעכצער אַוועלכע סאָרטן,
נאָר קאַנישינע — סאַראַ שפּעדיקער גאָרטן!

„זאָלסט נאָר מיר שלאָפן, מענטש דו! סאַראַ טשאַקעדיקע קעסט!" —
זיפּצט אָפּ ער מיט הנאה, און ער פרעסט און פרעסט.

דאָס רייצט דעם הונט, עס גייט דאָס האַרץ אים איבער:
— כ'האָב היינט נאָך נישט געפרעסן, טייערער, און ס'גרימט אין בייך;
דו האָסט געריכערטס אין די פּעק, איך פיל אַזש דאָ דעם רויך;
איז גיב רשות מיר עס אַ לעק צו טאָן, מיין ליבער.
ווי מאַכן עס? דו שטעלסט זיך אויף די קני, און אויף די לאַפּעס
די הינטערשטע שטעל איך זיך, און דערטאַפּ עס. —
נאָר הערט די וואַנט? ער פרעסט, דער עגאָיסט, און קייעט שטום.
לסוף ערשט טוט ער דורכן אָנגעשטאָפּטן מויל אַ ברום:
„וואָס שלעפּסטו, כלב, זיך אַרום?
גיי לייג זיך לעבן האַר! ער וועט דיר, כ'לעבן,
ווי נאָר ער כאַפּט זיך אויף, אַ פרישטיק געבן!"
און ווידער נעמט ער מיטן גאַנצן קאָסטן צייניער רייבן,
און רייסט דאָס גראָז אַזוי, אַז אין דער ערד אַזש לעכער בלייבן,
און שעלט דעם הונט, וואָס שטערט. ווי דאָ פון ראָוו טוט אומגעריכט
אַ בליץ אויף אים אַן אויגן־פּאָר — צוויי בלוטיק־רויטע ליכט:
עס האָט אַ וואָלף געבומען אויפן ציל אים.
ער שרייט צום הונט: „אוי, ראַטעווע! דער טויט קומט אָן! איך פיל אים!"
— כ'בין נישט דיין ראַטעווער, — דערקלערט דער כלב מיט אַ ביל אים —
דו ליאַרעם נישט, די לאָנקע נישט צעטראַטעווע, וואַרט צו
ביז אונדזער האַר וועט האָבן שוין גענוג די רו,
ער וועט פון שלאָף דערוואַכן און דעם וואָלף פאַרטרייבן. —
דאָ פּאַקט דער וואָלף דעם אייזל. ס'וועט פון אים דער נאָמען בלייבן.

1860

געגאָלט, געשוירן

ביי אונדז, ווען עמעץ קוים נישט דאָסיק שפּירט זיך,
איז אָן קיין רופאים מער שוין נישט געריכט זיך,
און אויב ער פילט זיך טאַקע זייער שלעכט,
איז אויך אַ שפּרעכערין, אַ זנאַכער רעכט.
אין זייערע אַפּטייקלעך זיך געפינען
רפואות, סגולות, תרופות אַלע מינים
צו ווייטיק פון רעמאַטעס אין געלענק,
צו טויבקייט, צו פּאָדאַגרע, צו סוכאָטעס,
צו אַלץ, וואָס פאַר די זינד אַ שטראָף פון גאָט איז,
צו אַלע ווּסטע איינגערעדטע קרענק.
נאָר קיינער קאָן נישט, האָט נישט דאָס בעלנות
אַ מענטשן אויסצוהיילן פון עקשנות.

נישט ווייט פון זגערזש, ביי איינעם אַ מאָזור
פאַרשווינדט די צויג, נישטאָ פון איר קיין שפּור;
אוואַ, די צויג! ס'איז גאָרנישט קיין געלעכטער:
פון הויז און שפּייכלער איז זי דאָך דער וועכטער!
מע אָקערט דורך די געגנט אומעטום —
נישטאָ! נאָר פלוצעם, אין אַ וואָך אַרום,
אַך, סקאַצלקומט — די צויג! נאָר זעט, איז זי עס?
אַן אָפּגעגאָלטע ביז אַ העלפט און מיאוס.

— באַנדיטן! שפּאַס געטריבן מיט מיין צויג,
סע זאָל זי נישט דערטאַפּן גלייך מיין אויג;
זי אָפּגעגאָלט — זי האָט דעם חן פאַרלוירן .
„וואָלסט ריכטיקער געזאָגט, זי אָפּגעשוירן, —
פאַרריכט דאָס ווייב, ווי תמיד האָט זי האַלט —
ווייל ס'ווערן הינט געשוירן נישט געגאָלט".

— איז נעם אָקאָרשט באַטראַכט זי גוט, גענוי, —.
איך טוט דער מאַן אַן ענטפֿער מיט איראָניע —
אַזאַ כאַבײמע ביסטו מיר, אַזוי?!
דײַן פּנים גאָל אײַנגאַבצן, ווי אַ דלאָניע,
און מיר, דעם וואָנצאַק, נעמסטו אויף דער ליער,
וואָס הייסט אַ בריטווע, און וואָס הייסט אַ שער!
נאָר זאָלסט, מײַן ליבע צויג, באַטריבט נישט ווערן —
איך בין דיך אויך אַן אָפּגעגאָלטע גערן.
„אויך איך בין מיט איר זיין שוין דאָ דערפרייט, —
די ווערטער פונעם מאַן דאָס ווייב באַגלייט —
כאָטש אָפּגעשוירן איז העם חן פאַרלוירן".

— און אונדזער פּריצים ליסינע, וואָס שײַנט
נישט ווײַניקער פון אונדזער כלבטע הײַנט —
צי מיינסטו, אַז אויך ז י איז אָפּגעשוירן?
„זאָג דו, די וואַנציקלעך ביים עקאָנאָם, —
דאָס ווייב קיין רגע פילט זיך נישט פאַרלוירן —
וואָס הענגען ווי די ווענצלעך פון אַ סאָם*
און בלישטשען, ווי געשמירט מיט זאַלב פון קראָם,
וואָס זענען זיי — געגאָלטע, צי געשוירן?"

— עך, זאָל דער טײַוול צונעמען דעם סאָם,
ווי אויך דעם פריין מיטן עקאָנאָם, —
ציקאַכט, צעשעלט זיך דער מאַזור דערפאַרן —
נאָר פריידיק איז מיר, ליבע צויג, די שעה:
כאָטש העסליך אָפּגעגאָלט, נאָר דו ביסט דאָ!
..באמת, — לאָזט דאָס ווייב אויף זיך נישט האַרן —
דו ביסט געריכט, מײַן טײַערער, אויך מיר
פאַרשאַפט יעם פאַרגעניגן אַן אַ שיר,
וואָס ס'איז די צויג מיט אונדז אין שטיב, ווי פרי'ר.
כאָטש העסליך האָבן זיי זי אָפּגעשוירן".

— הער אויף שוין, טפשה איינע, מיט דיין שער!
„און מיט דיין בריטווע ד י הער אויף שוין, הער!"

— געגאָלט! ביסט מיידן בלינד, אַז גאָט זאָל היטן!
„געשוירן! אָט־אָ קוק זיך צו. נו, וואָס?
עס זענען אירע האָר נישט גלייך געשניטן,
אַזוי ווי מיט אַ קאָסע אָפּגעקאַסעט גראָז".

— און דאָ דער בלוטנדיקער שניט?! ווי ס'וואָלט איר
אַ רופֿא איינגעשניטן, דער געגאָלטער.

אויף דעם געקריג, וואָס וואַקסט דאָ צווישן זיי,
לויפֿט קינד און קייט, אין געוואַנד געבוירן,
און רונד־אַרום צעטראָגט זיך דאָס געשריי:
געגאָלט! געשווירן! ניין, געגאָלט! געשווירן!

סע גייט אַ שכן. — ער איז דאָך געניט,
איז זאָל ער זאָגן: האָסט דעם קאָפּ פֿאַרלוירן! —
סע פֿאָרט אַ ייד. „פֿאָר צו אַהער נאָר, ייִד —
די צוויג איז אָפּגעגאָלט, צי בלויז געשווירן?"
מע פֿרעגט דעם ייִדן און דעם פֿלעבאַן: — „נו?"
מע שטערט אַפֿילו אויך דעם פּריצס רו,
און פֿאַרטיק ווערט דער פּסק; צו די באַווייזן
דעם שכנס און דעם ייִדנס, פֿעסט ווי אײַזן,
דער קסאָנדז און אויך דער פּריץ באַמקען צו:
עס האָט דער צד דער מאַנצביילשער געוווּנען,
און אָפּגעגאָלטע איז די צוויג אַנטרונען.

זיי פֿאָרן שוין אַהיים, איז אויפֿן וועג
דער פֿויער טוט דער פֿויערטע אַ פֿרעג:
צי איז איר נישט דער פּסק אַרויס פֿון זינען?
זי שווײַגט, ווי ס'זאָל דאָס לשון איר נישט דינען.
ביים הויז באַגריסט די צוויג זיי מיט געביל.
— קום־הער! — איר רופֿט דער מאַן. — געגאָלטער בילער!
„קום הער, — רופֿט אויך דאָס ווייב איר צאַרט און שטיל —
קום־הער, געשווירענע! נו, שטילער, שטילער".

צינדט אָן זיך דער מאַזור, פֿון צאָרן ברענט
און, ווי ער וואָלט שוין רעדן נישט געקענט,
אַ ריס די עקשנטע פֿאַר ביידע הענט,
און שלעפּט זי צו דער סאַזשלקע אַרונטער,
און ווי אַ פֿעסל אַזעלכעס טונקט אונטער.

דאָס ווייב פֿאַרכלינעט זיך און פֿילט —
זי שטיקט זיך, שטיקט זיך, מיטן לעבן שפּילט,
נאָך איין טוק־אונטער, און זי איז פֿאַרלוירן;
נאָר ער זי קוועטשט אַראָפּ, אַראָפּ און ברילט:
— און איצט — געגאָלט, צי בלויז געשווירן?

אין טויט־געראַנגל שוין, זי שטעקט אַרויס
פֿון וואַסער צוויי צעשפּרייטע פֿינגער בלויז
און ווי אַ שערל פֿאָר זיין נאָז זיי שערן:
גערעכט איז זי, און אומגערעכט איז ער,
די צויג איז אָפּגעשווירן מיט אַ שער;
איר ענטפֿער זאָל ער זעען, אַז נישט הערן.

דערזען אַזעלכעס, ציט ער אָפּ אין שרעק,
און צו דער קרעטשמע זי זיך גייט אַוועק.
ער לאָזט זיך אַוש קיין זגערוש, שוין דאָרט צו בלייבן –
ער וועט אין די סאָלדאַטן זיך פֿאַרשרייבן.

1860

לייט אין פרייען פעלד...

יעס האָבן לייט געבויט אַ הויז אין פעלד אין פרייען —
פונווייטן קריגן סאָוועס זיך מיט פרעש און שרייען.
אַ סאָווע זאָגט: — דאָס בויט מען דאָרט פֿאַר מיר די דירות.
אַ פראָש צעגענעצט זיך: — פֿאַר מיר! מע בויט פֿאַר מיר עס!
די מענטשן זאָגן: ס'פלעגן זיך אין חורבות האַלטן
די סאָוועס, און די פרעש — אין פוילע ווענט און שפּאַלטן;
און מיר — אַ ריינעם דיל און נייעם דאַך מיר בויען,
איז ווער וועט סאָוועס, פרעש אָן אָרט דאָ אָנגעטרויען!

1888

דערקלערונגען פֿונעם פּאָעט

און צושריפֿטן פֿונעם איבערזעצער

צו די פֿריינד מאָסקאַלן

רילייעוו און בעסטוזשעוו — דעקאַבריסטן, פּאָעטן; רילייעוו איז געהאָנגען געוואָרן, בעסטוזשעוו — פֿאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

קרימער סאָנעטן

I אַקערמאַנער סטעפּעס

דער נאָמען פֿון די סטעפּעס נעמט זיך פֿון דער שטאָט אַקערמאַן ביי דער ליפֿצונג פֿונעם דניעסטער אין שוואַרצן ים אַריין. — צושריפֿט פֿון איבערזעצ.

און ס׳ציִען פֿאַר מיין אויג קאָראַלן־אינדזלען פֿון בוריאַן.

אויף אוקראַינע און פּאָבערעזשע רופֿט מען בוריאַן גראָז־קוסטעס, באַדעקטע מיט בליִעכץ, וועלכע געבן צו די פֿליינען אַן איינגענעמע פֿאַרשיידנאַרטיקייט.

ס׳לאַמטערן־ליכט פֿון אַקערמאַן — דאָס ליכט פֿונעם ים־לאַמטערן ביים אַקערמאַנער פּאָרט. — צושריפֿט פֿון איבערז.

II ים־שטילקייט

מאַרקאַנקוט — דער מערבֿדיקער קאַפּ פֿון קרים. — צושריפֿט פֿון איבערז.

פּאַוויליאָן — (פֿון פֿראַנצויזיש) די פֿאָן אויפֿן מאַסטבוים. — צושריפֿט פֿון איבערזעצ.

III ים־רייזע

די זעגלשטריק בילדן אויס ווי אַ נעץ, וואָס איז געשטעלט צו דערזען אויף דער שיפֿדעק. — צושריפֿט פֿון איבערזעצ.

קאָרטעזש — (פֿון פֿראַנצויזיש) פֿייערלעכע פּראָצעסיע. — צושריפֿט פֿון איבערזעצ.

V בערג־אויסבליק פֿון קאָזלאָווער סטעפּעס

קאָזלאָוו — אַ שטעטל אויפֿן מערבֿדיקן ברעג פֿון קרים, הייַנט יעווּפּאַטאָריע. — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

מירזאַ — אַמאָל אַן אָנפֿירער פֿון אַ מיליטערישער אָפּטיילונג; דאָ געמיינט אַ טאַטערישער אַדלמאַן אַלס וועגווייַזער. — צושריפֿט פֿון איבערזעצ.

צי פֿון אַ פֿערטל ערדקויל האָבן דיוועס עס געטורעמט.

דיוועס — לויט דער פּערסישער אַלטערטימלעכער מיטאָלאָגיע, בייזע גענים, וועלכע האָבן אַמאָל געהערשט אויף דער ערד, דערנאָך זענען זיי פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון די מלאָכים און וווינען הייַנט אויפֿן ראַנד פֿון דער וועלט, הינטערן באַרג קאַף.

אָ, סאַראַ שרפֿה דאָרטן אויפֿן שפּיץ! עס ברענט צאַרגראַד!

די שפּיצן פֿון טשאַטירדאַה זעען אויס אַ שטיקל צייַט נאָכן זון־אונטערגאַנג, אַראַנזש די שטראַלן, וואָס שלאָגן זיך אָפּ פֿון זיי, ווי זיי וואָלטן שטיין אין פֿייַער.

צי ווען ס׳האָט נאַכט פֿאַרשפּרייט איר טונקל־גרוילעכן כילאַט.

כילאַט — אַ מלבוש־כּבֿוד, מיט וועלכן דער סולטאַן באַשענקט די גרויסע מלוכהשע באַאַמטע.

ס׳איז טשאַטירדאַה!

טשאַטירדאַה — דער העכסטער פֿון די קרימער בערג אויפֿן דרומדיקן ברעג; מע זעט אים אויך אַ מרחק כּמעט פֿון 200 וויאָרסט, פֿון פֿאַרשיידענע זייַטן, אין געשטאַלט פֿון אַ ריזיקער כמאַרע פֿון טונקל־בלוילעכן קאָליר.

VI באַקטשיסאַראַי

אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייַטן מיט בערג, ליגט די שטאָט באַקטשיסאַראַי, אַמאָל די רעזידענץ־שטאָט פֿון די גירייען, די קרימער כאַנען.

זיי שרייַבן מיט בלשאַצר־אותיות דאָס וואָרט „רואין”.

„אין דעם מאָמענט האָבן זיך באַוויזן פֿינגער פֿון אַ מענטשלעכער האַנט און געשריבן קעגן דעם הענגל־לאָמפּ אויפֿן קאַלך פֿון דער וואַנט פֿונעם קעניגס פּאַלאַץ, און דער קעניג האָט געזען די האַנט־דלאָניע, וואָס האָט געשריבן”. דניאל קאַפּ. ה, פּסוק ה.

VII באַקטשיסאַראַי בייַנאַכט

פֿון די דזשאַמידן שוין צעגייען זיך די שטאָטלייַט פֿרומע.

מעסדזשיד אָדער דזשאַמי, דאָס זענען געוויינלעכע מעטשעטן. אויסגווייניק, אין די ווינקלען פֿון די מעטשעטן, הייבן זיך אַרויף דינע, צום הימל זיך רייסנדיקע טורעמלעך, וועלכע ווערן אָנגערופֿן מינאַרעטן, מ ע נ אַ ר ן; זיי זענען אין דער העלפֿט פֿון זייער הייך אַרומגעקרייזט מיט אַ גאַלעריע, ש ו ר פ ע, פֿון וועלכער די מ י א נ ע ז י נ ע ן, אָדער די אויסרופֿער, רופֿן צוזאַמען דאָס פֿאָלק צו דער תּפֿילה. דאָס דאָזיקע צוזאַמענרופֿן, וואָס ווערט אויסגעזונגען פֿון דער גאַלעריע, הייסט א י ז א ן. פֿינף מאָל אין טאָג, אין באַשטימטע שעהען, לאָזט זיך הערן

דער א ׳ ז אַ ן פֿון אַלע מינאַרעטן, און די ריינע הויכע שטים פֿון די מיאַועזינען פֿאַרשפּרייט זיך אַנגענעם אין דער לופֿט איבער די מוסולמענישע שטעט, אין וועלכע ס׳הערשט אַ באַזונדערע שטילקייט צוליב דעם, וואָס עס ווערט דאָרט נישט באַנוצט קיין האָר=פֿאַרקער.

דיוואַן — ראַט פֿון הויכגעשטעלטע לייט. — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.
ווי טיוול, וועלכע זיצן אין דיוואַן לעם עבליס פּיס.
עבליס צי איבליס, אָדער גאַראַזעל, דאָס איז לוציפֿער ביי די מאַכמעדאַנער.
זיך וועקט א בליץ און מיטן אימפּעט פֿון פּאַריסן.
פּאַריס — אַ ריטער ביי די אַראַבער=בעדואינער.

VIII פּאָטאָצקאַס קבר

נישט ווייט פֿונעם פּאַלאַץ פֿון די כאַנען הייבט זיך אַרויס אַ קבר, געבויט לויטן מיזרחדיקן געשמאַק מיט אַ קיילעכדיקן קופּאָל. צווישן דעם פּשוטן עולם אין קרים גייט אַרום אַ מעשה, אַז דער דאָזיקער דענקמאָל איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן דורך קערים גירייען פֿאַר אַ שקלאַפֿין, וועלכע ער האָט אויסערגעוויינלעך געליבט. די שקלאַפֿין האָט געזאָלט זיין אַ פּאָלקע, פֿון הויז פֿון די פּאָטאָצקיס. דער אויטאָר פֿון דער באַהאַוונט און שיין אָנגעשריבענער „אַ רייזע איבער קרים“, מוראַוויעוו=אַפּאָסטאָל, האַלט, אַז די דאָזיקע מעשה האָט נישט קיין גרונט, און אַז אין דעם קבר איז באַהאַלטן דער קערפּער פֿון עפּעס אַ גרוזינקע. מיר ווייסן נישט, אויף וואָס ער שטיצט זיין מיינונג: וואָרן די טענה, אַז די טאָטערן האָבן אין דער העלפֿט פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט נישט אַזוי לייכט געקאָנט אַוועקפֿירן שקלאַפֿינס פֿון הויז פֿון די פּאָטאָצקיס, איז נישט גענוגנדיק. ס׳זענען באַקאַנט די לעצטע קאָזאַקישע מרידות אויף אוקראַינע, פֿונוואַנען ס׳איז נישט ווייניק עולם אַרויסגעפֿירט און פֿאַרקויפֿט געוואָרן צו די שכנישע טאָטערן. אין פּוילן זענען פֿאַראַן אַ סך שלאַכטישע פֿאַמיליעס מיטן נאָמען פּאָטאָצקי, און די דערמאָנטע געפֿאַנגענע האָט נישט אומבאַדינגט געמוזט געהערן צו דער מעכטיקער משפּחה פֿון די הומאַניער גוטבאַזיצער, וועלכע זענען ווייניקער געווען צוטריטלעך פֿאַר טאָטערישע איבערפֿאַלן און קאָזאַקישע מרידות. לויט דער פֿאָלקס=מעשה וועגן דעם באַכטשיסאַראַיער קבר האָט דער רוסישער פּאָעט אַלעקסאַנדער פּושקין אָנגעשריבן מיט דעם טאַלענט, וואָס איז אים אייגן, די פּאָעמע: דער באַכטשיסאַראַיער פֿאָנטאַן.

IX די קברים פֿון האַרעם

אין אַ פּרעכטיקן גאָרטן, צווישן שטאָלצע טאָפּאָלן און מוילבערביימער, שטייען די ווייסמאַרמאָרנע קברים פֿון די כאַנען און סולטאַנען, זייערע ווייבער און קרובים; אין די שכנישע צוויי געביידעס ליגן טרומנעס, אָנגעוואָרפֿן אין אומאָרדענונג: זיי זענען אַמאָל געווען רייך אויסגעפּוצט, היינט קוקן אַרויס נאַקעטע ברעטער און שמאַטעס פֿון תכריכים.

אינמיטן גאָרטן שימערט איבער זיי א שטיין־טורבאַן צו ווייטן.

די מוסולמענער שטעלן שטיינערנע טורבאַנען אויף די קבֿרים פֿון מענער און פֿרויען, פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿאַר ביידע געשלעכטער.

בונטשוק (פֿון טיורקמעניש) — דער עק פֿון אַ פֿערד אויף אַ שטיל, האָט אין 16—18 יאָרהונדערט געדינט בײַ די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן און אין טערקיי פֿאַר אַ פֿאָן בײַ דער קאַוואַלעריע. — צישריפֿט פֿון איבערזעצער.

אויסגעקריצט דורך גיאַאורן־דלאָניעס נעמען.

גיאַאור, ריכטיקער ק י אַ פֿ י ר, באַטייט אַן אומגלויביקער. אַזוי רופֿן די מוסולמענער די קריסטן.

בײַ דעם זייבער־קוואַל — געטיינט פֿון דער איביקייט. — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

X באַידאַרע

אַ שיינער טאָל, דורך וועלכן טע פֿאָרט געווייגלער אַרויף אויפֿן דרומדיקן ברעג פֿון קרים.

XI אַלושטע בײַטאָג

איינס פֿון די פּרעכטיקסטע ערטער אין קרים; אַהין דערגייען שוין קיינמאָל ניש די צפֿונדיקע ווינטן, און אום גאָזעמבער וואַקסט אָפֿט דער דיינדער קילקייט אינעם שאָטן פֿון די ריזיקע, נאַך גרינע, וועלשענע נוס־ביימער.

עס שעפּטשעט דעם גאַנצפּריאיקן נאַמאַז דאָס זאַנגען־גאָלד אין פֿעלד.

נאַמאַז — אַ מוסולמענישע תּפֿילה, וועלכע מע רעכט אָפּ זיצנדיק און זיך בוקנדיק.

ווי פֿון אַ רויזנקראַנץ פֿון אַ קאַליף.

די מוסולמענער באַנוצן בעת די תּפֿילות אַ רויזנקראַנץ, וועלכער באַשטייט בײַ די הויכגעשטעלטע לײַט פֿון שאַצבאַרע שטיינער.

רובינען און גראַנאַטן.

די מילגרוים־ אין מילבערביימער, וועלכע רוימלען זיך מיט דער פּרעכטי־קער פֿרוכט, וואַקסן אַ געווייגלעכע זאַך אויפֿן דרומדיקן ברעג פֿון קרים.

XII אַלושטע בײַנאַכט

וועלטן־לאַמפּ — די זון. — צושריפֿט פֿון איבערז.

מעטעאָר — דער אויסגערופֿענער פֿאַלנדיקער שטערן. — צ״ש. פֿון איבערז.

אַראַליסקע — א ווייסע האַרעם־שקלאַפֿין. — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

XIII טשאַטירדאַה

אַ, וועלטן־מינאַרעט! פֿון אַלע בערג דער פּאַדישאַך!

פּאַדישאַך — טיטל פֿון טערקישן סולטאַן.

און היטן, ווי גבריאל — דעם גן־עדן פאַר געפאַרן.

אַ ד לאָז איבער דעם נאָמען גבריאל, ווי אַן אַלגעמיין באַקאַנטן; אָבער דער אייגנטלעכער וועכטער פון די הימלען לויט דער מזרחדיקער מיטאָלאָגיע איז ראַמעק (די קאָנסטעלאַציע אַרקטורוס), איינער פון די צוויי גרויסע שטערן, וועלכע מע רופט אַס סעמעקיין.

יאַנטשאַרן — די אָפּגעקליבענע טערקישע אינפאַנטעריע; דאָ אין איבערגעטראָגענעם זין: די יאַנטשאַרן פון פחדים זענען די בליצן, וואָס באַגלייטן די דונערן. — צושריפט פון איבערזעצער.

דראַגאָמאַן — (פון פראַנצויזיש און אַראַביש) דאָלמעטשער אין די קאָנסולאַטן אויפן מזרח. — צושריפט פון איבערזעצער.

XIV דער פּיליגרים

פון די באַידאַרער סאַלאָווייען און סאַלהירער מיידן.

סאַלהיר — אַ טייך אין קרים. פליסט אַרויס צופיסנס פונעם באַרג טשאַטירדאַה.

XV דער וועג איבערן תהום אין טשופוט קאַלע

אַ שטעטל אויף אַ הויכן פעלדז; די הייזער, וואָס שטייען אויפן ראַנד, זענען ענלעך צו שוואַלבן־נעסטן; דאָס שטעגל, וואָס פירט באַרג־אַרויף, איז איבלדיק און הענגט איבער אַ תהום. אין שטעטל גופא פאַראייניקן זיך די ווענט פון די הייזער במעט מיטן שיפוע פונעם פעלדז; אַרויסקוקנדיק דורך אַ פענצטער, פאַרלירט זיך דער בליק אין אַן אומענדלעכער טיפעניש.

אויף דעם־אָ אָרט דער רייטער מוז דעם פערד פאַרגלייבן זיין פאַרשטאַנד.

דאָס קרימער פערד באַזיצט וואָרשיינלעך בעת געפערלעכע איבערגענג אַ באַזונדערן אינסטינקט פון באַהיטעוודיקייט און זיכערקייט; אייִדער עס שטעלט באַהיטעוודיק דעם טראָט, זוכט עס מיטן פוס, האַלטנדיק זיך אינדערלופטן, אַ שטיין און פרובירט, צי מע קאָן גיין בשלום ווייטער און זיך דערהאַלטן.

אַל־קאַהיר — קאַיר די הויפטשטאָט פון עגיפטן. דער ברונעם, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, טראָגט דעם נאָמען „יוספס ברונעם“ און איז בערך 90 מעטער די טיף. — צושריפט פון איבערזעצער.

XVI דער באַרג קיקינעיס

איז דער ים; — עס דאַכט זיך, ווי דער פויגל־באַרג...

פויגל־באַרג — באַקאַנט פון „טויזנט און איין נאַכט“. דאָס איז דער, אין דער פערסישער מיטאָלאָגיע, באַרימטער פויגל שימורג, וועלכער איז אָן אַ שיעור מאָל באַשריבן געוואָרן דורך די מזרחדיקע פאָעטן. „ער איז גרויס (זאָגט פירדוסי אין „שאַה נאַמע“) ווי אַ באַרג און פעסט ווי אַ פעסטונג, ער טראָגט אַוועק אַ העלפאַנט אין זיינע קראַלן“, און ווייטער: „דערזען די ריטער, האָט (שימורג) זיך אָפּגעריסן ווי אַ כמאַרע פונעם פעלדז, אויף וועלכן ער וווינט, און זיך דורכגע-

טראָגן און דער לופֿט ווי אַ הוראַגאַן, וואַרפֿנדיק אַ שאָטן אויפֿן רייטער־מיליטער".
ס'איז די שווימענדיקע ווײַסע אינעם תהום — אַ כמאַרע־מענגע!

ווען מיר קוקן פֿון די בערגשפּיצן, וואָס שטייען העכער דעם שטח פֿון די וואָלקנס, אויף די כמאַרעס, וואָס ציען איבער ים, דאַכט זיך אויס, אַז זיי ליגן אויפֿן וואַסער אין געשטאַלט פֿון גרויסע ווײַסע אינדזלען. דעם דאָזיקן טשיקאַווען מענגאָמען האָב איך באַטראַכט פֿונעם טשאַטירדאַג.

דער טאָטערישער ישובֿ קיקינעיס ליגט צווישן דעם באַידאַרער רוקנבאַרג־וועג און דעם דרומדיקן ברעג פֿון קרים. — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

XVII די שלאָס־רואינען אין באַלאַקלאַווע

איבער אַ בוכטע מיטן זעלבן נאָמען שטייען רואינען פֿון אַ שלאָס, וואָס איז אַמאָל אויפֿגעבויט געוואָרן דורך גריכן, געקומענע פֿון מילעט. שפּעטער האָבן גענועזער אויפֿגעשטעלט אויף דעם אָרט די פֿעסטונג טשעמבאַלאָ.

XVIII איודאַה

אַ באַרג און קאַפּ אויפֿן דרומדיקן ברעג פֿון קרים, אויף מערבֿ פֿון אַלושטע.

די פֿערזן זענען געווענדעט צום ראָמאַנטישן דיכטער ג. אָליזאַר, בײַ וועלכן מיצקעוויטש האָט גאַסטירט אין קרים. — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

באַלאַדעס

לויערונג

אַמאָל זענען נישט געווען קיין גרייטע פּאַטראָנען; דער שיסער האָט געהאַט פּולווער־לאָדונגען אין פּאַפּירענע רערלעך, דעם עק פֿונעם רערל פֿלעגט ער אָפּשנײַדן (אָדער אָפּבײַסן), דעם פּולווער אַרײַנשיטן אין דער לופֿע, אַרײַנלייגן פּאַקוליע אָדער פּאַפּיר און דאָס אַלץ אײַנקלאַפּן מיט אַן אײַזערנעם שאָמפּאָל — צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

פֿון דער עפּאָפּעע „פּאַן טאַדעוש"

יאַנקל צימבלער

יאַנטשאַרישע קאַפּעליע — אַ טומלדיקע מיליטערישע קאַפּעליע אין די אָפּטיילונגען פֿונעם פּוילישן מיליטער אין 18־טן יאָרהונדערט. לויטן מוסטער פֿון די טערקישע יאַנטשאַרן. צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

זעליע — מעשענע טעלער. צושריפֿט פֿון איבערזעצער.

עס קלינגט דער פּ אָ ל אָ נ ע ז פֿ ו ן ד ר י ט ן מ אַ י... — פֿון דעם פּערז הייבט זיך אָן דער איבערבליק פֿון די געשעענישן, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם ווײַטן און נאָענטן היסטאָרישן פֿאָן פֿון „פּאַן טאַדעוש"; דאָס זענען:

די קאָנסטיטוציע פון 3-טן מאַי, די טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע פון יאָר 1792, דער אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ אין יאָר 1794, דער גורל פון האָמבראָווסקיס לעגיאָנען און ענדלעך די האָפענונגען פון יאָר 1812. — צושריפט פון איבערזעצ.

פרימעס — די „ערשטע" סטרונעס, וואָס געבן ארוים די העכסטע טענער. — צושריפט פון איבערז.

משלים

אַ דריילינג פערד

דער באַרד אַנטאָני — דער בשעתו באַרימטער משל-שרייבער אַנטאָני גאָרעצקי (1787—1861) האָט פאַרן אויפשטאַנד געפירט די ווירטשאַפט אין זיין גוט אין ווילנער קאַנט. מיט מיצקעוויטשן האָט ער זיך באַפריינדעט אין יאָר 1831. ער האָט געשאַפן אויסגעצייכנטע אַקטועלע פּאָליטישע משלים. אויף דער עמיגראַציע פלעגט ער אויך אין שמועסן מיטגלידער אימפּראָוויזירן משלים. — צושריפט פון איבערז.

לעזגין — דאָס זאָל מיינען אַ פערד פונעם לאַנד פון די לעזגן. די לעזגן, אַ קאַווקאַזער שבט, זענען דורך איינציקע אַמאָליקע פּוילישע היסטאָריקער געהאַלטן געוואָרן פאַר די אורפאָטערס פון די ליעכן (אָנגעהעריקע צום העכסטן קלאַס פון די אוראַלטע סלאַוון), וועלכע זאָלן כלומרשט האָבן אַמאָל אונטערטעניק געמאַכט אונדזערע לענדערייען און פון זיי זאָל זיך אָנהייבן די שליאַכטע. „לעזגין" באַטייט דאָ דערום: שליאַכטשיץ. — צושריפט פון איבערז.

העטמאַן — אין דער פאָלקס-שפּראַך: פּראָסטאַק, פויער, עם-הארץ. — צושריפט פון איבערזעצער.

אַ שאָפע פון אַ פּאָסט — ווו מע שטעלט זיך אָפּ אויף אָנצופאַשן און איבערטוישן די פּאָסט-פערד. — צושריפט פון איבערזעצער.

דער אייזל און דער הונט

לאָקמאַן — אַ לעגענדאַרישער אַראַבישער חכם פון דער פאַרמאַכמעדאַנישער תקופה, וועלכן מ'האָט צוגעשריבן אַ ריזיקע משלים-זאַמלונג; אינדערעמתן איז די דאָזיקע זאַמלונג אַ שפּעטערע אַראַבישע באַאַרבעטונג פון עזאָפּס משלים. — צושריפט פון איבערז.

געגאָלט, געשוירן

סאָם — אַזאַ מין פיש מיט אַ וואָנצעלע. — צושריפט פון איבערז.

אינהאַלט

זייט

מיצקעוויטש — אלעקסאַנדער פושקין 5

צו די פריינד מאָסקאַלן 7

ליבע־לידער

צו מ *** 9

אומזיכערקייט 11

צו *** 13

קרימער סאָנעטן

אקערמאַנער סטעפּעס 15

ים־שטילקייט 16

ים־רייזע 17

שטורעם 18

בערג־אויסבליק פון קאָזלאָווער סטעפּעס 19

באַקטשיסאַראַי 20

באַקטשיסאַראַי ביינאַכט 21

פּאָטאָצקאַס קבר 22

די קברים פון האַרעם 23

באַידאַרע 24

אלושטע בייטאָג 25

אלושטע ביינאַכט 26

טשאַטירדאַה 27

דער פּיליגרים 28

דער וועג איבערן תהום אין טשופוט־קאַלע 29

דער באַרג קיקינעיס 30

די שלאָס־רואינען אין באַלאַקלאַווו 31

איודאַה 32

באַלאַדעס

לויערונג (אוקראַינישע באַלאַדע) 35
די דריי בודריסן (ליטווישע באַלאַדע) 38

פון דער עפּאָפּעע „פּאַן טאַדעוש"

יאַנקל צימבלער 43

משלים

דער גלאָק און די גלעקלעך 49
פריינד 50
א דרייליינג פערד 52
דער אייזל און דער הונט 54
געגאַלט, געשוירן 56
לייט אין פרייען פעלד 60
דערקלערונגען פונעם פּאָעט 61

אילוסטראַציעס

כּאָנעטן. איודאה, האָלצשניט פון ע. גאָראַזדאָווסקי 33
די דריי בודריסן. האָלצשניט לויט דער צייכענונג פון יוליוש קאָססאַק . 41
יאַנקל צימבלער. געצייכנט מיט טוש פון ציפּריאַן קאַמיל נאָרוויד . . . 45

FRAGMENT Z „PANA TADEUSZA"

Jankiel cymbalista 43

BAJKI

Dzwon i dzwonki 49
Przyjaciele 50
Trójka koni 52
Osieł i pies 54
Golono, strzyżono 56
Ludzie na czystym polu 60
Objaśnienia poety 61

ILUSTRACJE

Sonety Krymskie. Ajudah. *Drzeworyty E. Gorazdowskiego* . 33
Trzech Budrysów. *Drzeworyt wg rys. Juliusza Kossaka* . . 41
Jankiel cymbalista. *Rysunek tuszem Cypriana Kamila Norwida* 45

SPIS TREŚCI

str.

Mickiewicz — *Aleksander Puszkin* 5
Do przyjaciół Moskali 7

WIERSZE MIŁOSNE

Do M*** 9
Niepewność 11
Do *** 13

SONETY KRYMSKIE

Stepy Akermańskie 15
Cisza morska 16
Żegluga 17
Burza 18
Widok gór ze stepów Kozłowa 19
Bakczysaraj 20
Bakczysaraj w nocy 21
Grób Potockiej 22
Mogiły Haremu 23
Bajdary 24
Ałuszta w dzień 25
Ałuszta w nocy 26
Czatyrdah 27
Pielgrzym 28
Droga nad przepaścią w Czufut-Kale 29
Góra Kikineis 30
Ruiny zamku w Bałakławie 31
Ajudah 32

BALLADY

Czaty (Ballada ukraińska) 35
Trzech Budrysów (Ballada litewska) 38

ADAM MICKIEWICZ

POEZJE

PRZEŁOŻYŁ NA JĘZYK ŻYDOWSKI
LEJB OLICKI

WYDANO W ROKU MICKIEWICZOWSKIM

Wydawnictwo „IDISZ BUCH“ Warszawa